סעפּאַראַטער אָפּדרוק פֿון

# ייוואָ בלעטער

## שריפֿטן פֿון ייִדישן

## וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

# ר׳ פּנחס קאָריצער *

## צו דער געשיכטע פֿונעם ערשטן דור חסידות

פֿון ד״ר אַבֿרהם יהושע העשל

### דער זיידע

כּמעט זיבן הונדערט קהילות זײַנען חרובֿ געוואָרן אין די גזרות ת״ח ות״ט,[1] און די וואָס זײַנען געבליבן מיט לײַב און לעבן האָבן נאָר גאַנץ פּאַמעלעך גענומען קומען צו די כּוחות. נאָך אײדער די אַלע וווּנדן האָבן זיך פֿאַרהײלט זײַנען צוגעקומען נײַע רדיפֿות און בלוט־בילבולים. צו אַלע צרות האָט נאָך דער קאַטוילישער קלויסטער אויסגעשפּרייט זײַנע נעצן. ניט געקוקט אויף די אומגליקן און אויף דעם קריזיס וואָס די שבתי־צבֿי־באַוועגונג האָט אַרויסגערופֿן האָבן די מערסטע ייִדן בעסער געוואָלט טראָגן דעם עול פֿון גלות אײדער געניסן די חסדים פֿון שמד. עס זײַנען אָבער געווען יחידים וואָס זײַנען געפֿאַלן אַ קרבן צו דער מיסיאָנערישער טעטיקייט פֿון קלויסטער און האָבן פֿאַרלאָזט די ייִדישע אמונה ניט מיטן גוטן ווילן, נאָר געצוווּנגענערהייט. און ווער צווישן ייִדן האָט זיך אין אַזאַ מהומהדיקער צײַט געקאָנט זאָרגן פֿאַר אָט די פֿאַרטריבענע און פֿאַרוואָגלטע?

ר׳ פּנחס, אַ באַשײדענער ייִד פֿון רײַסן, איז געווען אײנער פֿון די וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט די משומדים.

אין יענער צײַט, ווען ייִדן זײַנען געווען אַרײַנגעטאָן אין אויפֿשטעלן איבער אַ נײַס די יסודות פֿון זײער קיום נאָכן גרויסן חורבן, זײַנען אַ סך מגידים, אָדער מוכיחים, אַרומגעגאַנגען פֿון שטאָט צו שטאָט כּדי מתקן צו זײַן וואָס זײ האָבן געקאָנט. זײ האָבן געדרשנט פֿאַר קהל, „געדרשנט מיטן רשות פֿון הקדוש ברוך הוא״.[2] ר׳ פּנחס, הגם ער איז נישט געווען נישט קײן רבֿ, נישט קײן פּרנס, נישט קײן מחבר און נישט קײן ראָש־ישיבֿה, „פֿלעגט גײן פֿון שטאָט צו שטאָט און זאָגן תּוכחה ייִדן״. אָבער זײַן ביאָגראַף דערצײלט, אַז ער איז אין זײַנע וועגן געווען אַנדערש פֿון אַנדערע מגידים:

ער פֿלעגט זיך נוהג זײַן, אַז מען פֿלעגט אים געבן אַ פּאָר גילדן, ווי מען פֿלעגט תּמיד געבן אַ מוכיח, פֿלעגט ער פֿון דעם אָראָפּנעמען נאָר

---

* אַ טײל פֿון דעם מחברס אַ ווערק וועגן דעם בעש״ט און זײַן קרײַז.

1 דובנאָוו, דברי ימי עם עולם, VII, ז׳ 22.

2 טהרת הקודש, בילזורקע, תּקסו, הקדמה.

דאָס ביסל וואָס ער האָט געדאַרפֿט אויף צו לעבן, דאָס איבעריקע פֿלעגט ער פֿאַרטיילן פֿאַר די באַדערפֿענישן פֿון דער שול, אין וועלכער ער האָט נערעדט.[3]

אָט דער ר׳ פּנחס האָט גענומען אויף זיך די אויפֿגאַבע צו באַלעבן די אויס־געטריקנטע ביינער. ער איז געפֿאָרן פֿון אָרט צו אָרט און האָט מעורר געווען די משומדים, זיי זאָלן תּשובֿה טאָן. כּדי זיי צו ברענגען צוריק צו ייִדישקייט פֿלעגט ער זיי צוזאָגן עולם־הבא, אַפֿילו אַוועקגעבן זיי במתּנה זײַן אייגענעם חלק עולם־הבא בתּנאַי אַז זיי זאָלן זאָגן אַלע טאָג דעם פּסוק שמע ישׂראל. מען גיט איבער, אַז ער פֿלעגט זאָגן צו זיי: „טו וואָס פֿאַר אַ רישעות דו ווילסט — אָבער וואָס אַרט עס דיך, אויב דו וועסט זאָגן שמע ישׂראל?״[4]

ר׳ פּנחס האָט געוווּסט, אַז איין ניצוץ קאָן ליכטיק מאַכן אַ נשמה און אַז ס׳איז כּדאַי מותּר צו זײַן אויף עולם־הבא כּדי אָפּצוראַטעווען אַ ייִד. זײַנען טאַקע אַ סך ייִדן דורך אים אַוועק פֿון כּפֿירה און געקומען צוריק צו דת ישׂראל.

ר׳ פּנחס איז געווען צווישן די וואָס האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פֿאַר דעם אויפֿקום פֿון חסידות. ער איז געגאַנגען מיטן גאַנג ווי דעם בעל־שם אַ תּלמיד, דער מוכיח פֿון פּולנאָע, פֿלעגט זאָגן:

משיח וועט מלמד זכות זײַן אויף אַלע ייִדן, אַפֿילו אויף רשעים, אַז זיי זענען גירעכט, וואָרעם צוליב דעם וואָס ער וועט מלמד זכות זײַן אויף זיי וועלן זיי תּשובֿה טאָן, און דורך דעם וועט קומען די גאולה, וואָרעם ייִדן וועלן אויסגעלייזט ווערן דורך תּשובֿה... אַ קליינער צדיק האָט ליב קליינע רשעים, אַ גרויסער צדיק האָט ליב און איז מלמד זכות אַפֿילו אויף גרויסע רשעים. ווער עס איז מלמד זכות אויף מענטשן איז ער בבֿחינת משיח. דערפֿאַר דאַרף אליהו הנבֿיא קומען איידער משיח וועט קומען, כּדי צו מאַכן שלום אין דער וועלט, כּדי משיח זאָל קאָנען מלמד זכות זײַן אויף אַלעמען, ווײַל אָן שלום איז ניט מיגלעך, אַז ביידע צדדים זאָלן זײַן גערעכט, ווײַל ממה נפֿשך — אויב דער איז אַ צדיק איז דאָך יענער ניט קיין צדיק.[5]

ר׳ פּנחס, דער ליבהאָבער פֿון רשעים, פֿלעגט אויך רחמנות האָבן אויף

---

[3] כּ״י אומאַן, קמה, ב. — וועגן דעם כּתבֿ־יד און וועגן די אַנדערע כּתבֿ־ייִדן וואָס ווערן דערמאָנט אין דער דאָזיקער אַרבעט זען דעם צושריפֿט אויף ז׳ 48.

[4] מדרש פּנחס, בילגאָרײַ 1929, ז׳ 81. וועגן די משומדים אין יענער תּקופֿה פֿ״גל: ע. נ. פֿרענק, משומדים אין פּוילן, זז׳ 4—15; נ. מ. געלבער, *MGWJ*, 67 (1924), זז׳ 225—240. דער משומד יאַן סעראַפֿינאָוויטש וואָס האָט זיך געשמדט 1710 איז באַוווּסט „דורך זײַנע בילבולים אויף ייִדן וואָס זײַנען פֿאַרשפּרייט געוואָרן כּמעט אין דער גאַנצער וועלט״, היילפּרין, פּנקס ועד ארבע הארצות, ז׳ 265. אין כּ״י אומאַן, דאָרטן: „מעשה בפריצה אחת שהיתה עשירה גדולה מכמה כפרים והיתה רשעית גדולה, שלא רצתה לדבר עם שום יהודי ועשה [ר׳ פּנחס] כמה המצאות עד שדברה עמו בינו לבינה והפציר בה כנ״ל לקרות קריאת שמע ולבסוף יצאה מהכפירה״. אויך דאָרטן: „ואני שמעתי מהר״ר זצלה״ה מפיו ממש שזה היה אביו של הרב [ר׳ פּנחס קאָריצער]״. דער גרעסטער טייל מקורים אָבער שרײַבן צו די דאָזיקע פֿאַקטן צום אַלטן ר׳ פּנחס.

[5] כּ״י אומאַן, קמה, ב. — די ייִדישע ווערטער וואָס געפֿינען זיך אין די ציטאַטן פֿון לשון־קודשדיקע מקורים זײַנען דאָ געדרוקט אין קורסיוו, מיטן אויסלייג פֿון אָריגינאַל.

בעלי־חיים. אַזוי ווי גאָט האָט רחמנות אויף אַלע זײַנע באַשעפֿענישן, אַזוי האָט ר׳ פנחס אויך רחמנות געהאַט אויף בהמות:

> אַז ער פֿלעגט זען אַ גוי, וואָס זײַנע אָקסן שלעפּן אַ שווערן וואָגן מיט האָלץ און דער וועג איז פֿול מיט בלאָטע, פֿלעגט ער קויפֿן דאָס האָלץ און באַצאָלן וויפֿל ער האָט נאָר געקאָנט און אַרײַנוואַרפֿן אין דער בלאָטע, כּדי די אָקסן זאָלן נישט האָבן קיין צער, וואָרעם דער גוי פֿלעגט זיי נעבעך זייער שלאָגן, ווי אַ גוי שלאָגט אין דער צײַט פֿון די בלאָטעס.[6]

## דער טאַטע

ר׳ פנחס, דער לערער און מנהיג פֿון משומדים, איז לויט דער טראַדיציע אַרויסגעקומען פֿון דער גזע פֿונעם מקובל ר׳ נתן שפּירא, דער רבֿ פֿון קראָקע און דער מחבר פֿון ספֿר מגלה עמוקות. ניפֿטר געוואָרן איז ר׳ פנחס בערך תּפּה״ו אָדער תּפּו (1726). ווען בײַ זײַן זון ר׳ אַבֿרהם אבא, אַ רבֿ אין דער ליטע,[7] איז געבוירן געוואָרן אַ זון באַלד נאָך ר׳ פנחסעס פּטירה, האָט ער אים אָנגערופֿן מיטן טאַטנס נאָמען, פּנחס.[8] אויף דעם קינד האָבן דערנאָך קאַרלינער צדיקים געזאָגט, אַז אַזאַ נשמה „קומט אין דער וועלט אַרײַן איין מאָל אין פֿינף הונדערט יאָר כּדי מתקן צו זײַן די וועלט“.[9]

דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן אין שקלאָוו, מאָהילעווער גובערניע. אַ וויכטיקע חשובֿע קהילה, וווּ ס׳האָבן געלעבט אַ סך חכמים און מופֿלגים. שקלאָוו איז דעמאָלט געווען אונטער דער ממשלה פֿון פּוילן, אָבער נאָענט צו דער רוסישער גרענעץ און דערפֿאַר אויסגעשטעלט אויף כּל המינים צרות. אין 1708 איז שקלאָוו חרובֿ געוואָרן דורך די שוועדן. ייִדן האָבן נאָך דערצו געליטן פֿון היימישע גזרות ניט ווייניקער ווי פֿון דרויסנדיקע. אַ פּוילישער שרײַבער האָט געשריבן אין יענער צײַט: „פּונקט ווי ס׳איז נישט מיגלעך, אַז ס׳זאָל זײַן פֿרײַהייט פֿאַר דער שליאַכטע אָן ליבערום וועטאָ, אַזוי קען קיין ייִדישע מצה ניט זײַן אָן קריסטלעך בלוט“. אין די יאָרהונדערטער פֿאַר דעם און אין אַנדערע לענדער איז אויך עלילת־דם געווען אַזוי אָפֿט ווי אַ מאָסן־מגפֿה; אָבער אין קיין שום אַנדער צײַט און אין קיין שום אַנדער אָרט געפֿינען מיר ניט אַזוי פֿיל פּראָצעסן פֿון עלילת־דם ווי אין פּוילן אין יענער קורצער צײַט צווישן די דרײַסיקער און פֿופֿציקער יאָרן פֿון 18טן יאָרהונדערט.[10] ר׳ אַבֿרהם אַבאַן האָט מען אויך געמסרט, אפֿשר אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פֿון זײַן טאַטן, דעם ערשטן ר׳ פנחס, צווישן די משומדים — אַ טעטיקייט, אויף וועלכער די גלחים האָבן זיכער גע־

---

[6] כּ״י אומאַן, קמה, ב.

[7] מסכת אבות עם פירוש תורת אבות, 18.

[8] תורת אבות, ז׳ 18. לויטן כּ״י סינסינאַטי, צט, ב, איז ר׳ פנחס בײַ דער פּטירה פֿונעם בעש״ט אַלט געווען פֿינף און דרײַסיק יאָר, און דאָס איז געשען, לויט מדרש פנחס, ז׳ 89, ז׳ סיון תּקכ. ר׳ פנחס איז געבוירן געוואָרן אין תּפּו. זײַן מוטערס נאָמען איז געווען: שׂרה רחל שיינדל.

[9] אין די כּתבֿים פֿון ר׳ ירחמיאל משה קאָזשעניצער, זען שמע שלמה, ב, ז׳ 12.

[10] דובנאָוו, דצ״וו, VII, ז׳ 84.

קוקט זייער קרום. האָט ער געמוזט אַנטלויפֿן מיט זײַן בני־בית פֿון שקלאָוו. זיי האָבן זיך באַזעצט אין וואָלין, אין אַ קליין שטעטעלע מיראָפּאָליע.[11] מיראָפּאָליע און קאָמינקע זײַנען צווילינגשטעטלעך, וואָס דער טײַך טלושטש גייט דורך זיי פֿאַרבײַ.

ווײַט פֿון זײַן געבוירן־לאַנד, האָט ר׳ אַבֿרהם אַבא נישט פֿאַרנומען קיין רבנות, נאָר עוסק געווען אין דרשנות. ער האָט, ווײַזט אויס, אַפֿילו נית געהאַט קיין שטענדיקן מעמד פֿון אַ מגיד. ער פֿלעגט אַרומגיין פֿון שטאָט צו שטאָט און דרשנען אין שולן, און פֿון דעם האָט ער זיך מפֿרנס געווען.[12] ווי אַ מגיד אין דער שטאָט קאָמינקע האָט דעמאָלט געלעבט ר׳ צבֿי מרבינו,[13] וואָס איז באַקאַנט מיטן נאָמען ר׳ הירש קאָמינקער.

## ר׳ פּנחס דער מקובל

דער זון פֿון ר׳ אַבֿרהם אַבא, דער ייִנגערער פּנחס, האָט זיך אָפּגעגעבן נית נאָר מיט תּורה,[14] נאָר אויך מיט אַנדערע לימודים.[15] ער איז געוואָרן אַ מושלם און אַ בקי אין דיקדוק, געאָמעטריע, חשבון אאַז״וו. ער איז געווען פֿון די גע־ציילטע אין זײַן צײַט, וואָס פֿלעגן טענהן, אַז אַ מענטש דאַרף שטודירן אַזעלכע וויסנשאַפֿטן אין זײַנע יונגע יאָרן.[16] ער פֿלעגט אויך אַ סך לערנען ייִדישע חקירה־ספֿרים פֿון מיטל־עלטער, אָבער קיין אינעוויייניקסטע העכערע סאַטיספֿאַקציע האָט ער אין זיי נישט געפֿונען: פֿילאָסאָפֿיע איז אַצונד צו נידריק פֿאַר מיר, האָט ער געזאָגט מיט יאָרן שפּעטער.[17] ער האָט געזוכט מער אַ גײַסטיקן וועג, און געפֿונען האָט ער דעם וועג אין קבלה, ספּעציעל אין זוהר. אין זוהר האָט ער זיך ממש צוגעקלעפּט און אין די סודות פֿון זוהר האָט ער זיך פֿאַרטיפֿט אַלע זײַנע יאָרן. ס׳איז נישט געווען נאָך אַ מענטש וואָס זאָל אַזוי רימען דעם זוהר הקדוש און ריידן וועגן אים מיט אַזאַ געוואַלדיקער ליבשאַפֿט ווי ער.[18] ר׳ פּנחס

---

[11] אַזוי איז געווען אָנגענומען צווישן ר׳ פּנחסעס קינדסקינדער, ביבער, מזכרת לגדולי אוסטרהא, ז׳ 211. פֿון די שבחי הבעש״ט, קאָפּוסט תקע״ה, כ, ג איז צו זען, אַז ר׳ אַבֿרהם אַבא האָט ניט געוווינט אין מיראָפּאָליע בשעת ער האָט באַקענט דעם בעש״ט, וואָרעם ער איז יעמאָלט אײַנגעשטאַנען ווי אַן אורח בײַם פּרנס חודש.

[12] כּ״י שפּיראָ.

[13] תפארת שמואל פֿון ר׳ שמואל מיראָפּאָליער, ניו־יאָרק תּרפּו, ז׳ 7.

[14] זײַן חיבור אויף יורה דעה און אבן העזר האָט זיך געפֿונען אין שעפּעטיווקע, זען האָראָדעצקי, החסידות והחסידים, א, קמב.

[15] מדרש פּנחס, ז׳ 21.

[16] כּ״י סינסינאַטי, צס, ב.

[17] מדרש פּנחס, ז׳ 17.

[18] תוספתא למדרש פּנחס, עה. אויך אין כּ״י כתבי קודש, ח״ז, יס, ב: „הפליג מאד בשבח הזוהר מחמת שנתפשט מאד כמ״ש ואתפשטותא בכל דרא, ובכל צדיק הוא מחיה כל הנשמות, משא״כ בספר שחבר צדיק א׳ אינו יכול לחיות כי אם שהוא בחי׳ מדרגתו. ורעיא מהימנא הוא יותר מבואר ואין בו חומרות כמ״ש בזוהר, באידרא ובסבא ובכמה מקומות, מחמת בחינה הנ״ל שאתפשטי׳ בכל דרא. וכן בספרי הנביאים, מחמת שנתפשטו עד סוף המדריגה

האָט געגעבן אַ שבח און הודיה צו השי״ת. „וואָס ער האָט אים נישט באַשאַפֿן אין די יאָרן אײדער דער זוהר איז געווען [באַקאַנט] אין דער וועלט". „דער זוהר האָט מיך מחיה געווען",[19] „דער זוהר האָט מיך דערהאַלטן בײַ ייִדישקייט",[20] „דער זוהר העלפֿט אַ מענטשן הן אין רוחניות, הן אין גשמיות".[21] „דער גלות איז אַזוי שווער פֿאַר מיר, אַז איך קאָן זיך ניט באַפֿרײַען פֿון זײַן ביטערן טעם סײַדן בשעת איך לערן זוהר. דעמאָלט געפֿין איך אַ ביסל מנוחה".[22] „איך האָב נישט קיין נחת רוח סײַדן איך דאַוון אָדער לערן זוהר. אין אַלע זאַכן איז פֿאַראַן אַ בחינת מלאך און ס׳איז פֿאַראַנען אַ בחינת שד, און דערפֿאַר האָט אַ מענטש אָפּט צער פֿון זיי, אָבער דער זוהר איז פֿון עץ־החיים".[23] און ווען זײַן תלמיד ר׳ רפֿאל האָט אים געבעטן אַן עצה, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פֿון גאווה, און האָט אים ממש געמאַטערט וועגן דעם, פֿלעגט אים ר׳ פּנחס זאָגן: „לערן זוהר". און אַז ר׳ רפֿאל האָט געענטפֿערט: „כ׳לערן דאָך זוהר", פֿלעגט ר׳ פּנחס זאָגן: „לערן אַ סך זוהר".[24] האָט אַ ייִד אים געבעטן אַ סגולה צו פּרנסה, האָט אים ר׳ פּנחס געזאָגט: „לערן זוהר".[25] די תלמידים פֿלעגט ער הייסן זײַן געוואָרנט, „אַז עס זאָלן נישט פֿאַרבײַגיין קיין דרײַ טעג אָן זוהר".[26]

ר׳ פּנחס האָט „געוואָלט זיך באַהאַלטן אין גאָט און האָט אײַנגעזען, אַז אין אַלע ספֿרים מוז מען אַ סך זוכן ביז מען געפֿינט עפּעס. וואָס אין דעם קאָן מען דערזען גאָט. אַ יוצא מן הכלל איז דער זוהר און טיילווײַז דער ספֿר אור החיים אויף תּורה פֿון ר׳ חיים ׳ן עטר". ר׳ פּנחס האָט משתוקק געווען משׂיג צו זײַן די „פּנימיות [די נשמה] פֿון דער תּורה", כּדי דורך דעם „משׂיג צו זײַן השם יתברך".[27]

צוליב דעם האָט ר׳ פּנחס אַ סך מער געהאַלטן פֿון לערנען זוהר ווי פֿון לער־נען גמרא, וואָרעם „בשעת אַ מענטש לערנט גמרא איז ער אין קטנות, ווי עס שטייט אין דער גמרא, ׳דבר קטן הויות דאביי ורבא׳ (סוכה כח א); בשעת

---

גראה לכל אדם שהוא מבין והוא מחיה את כל האדם, ומחמת התפשטות הכל מתלבש בספורי מעשיות". ר׳ פּנחסעס תּלמיד ר׳ שלמה האָט געזאָגט: „קודם הבעש״ט היה העולם עומד על הזוהרליך הקטנים שהיו מונחים על הדיוטא שקורין פּאָליצע, אף שלא למדו בהם", כּ״י סינ־סינאַטי, קה, ב. — „הנשמה אמרה להרב [דעם מעזריטשער מגיד] שמה שזכה שנגלו אליו דברים עליונים לא מפני שלמד הרבה מסכת ופוסקים, רק משום תפילה שהיה מתפלל תמיד בכוונה גדולה ומשם זכה למעלה עליונה", אמרי צדיקים, ז׳ 207.

[19] גאולת ישראל, עם פירוש נופת צופים וחיות הקודש, מהדורא בתרא [אָסטרעה?] תקפּא, סי׳ עב: האָט מיך דער האַלטין בייא מיין לעבין.

[20] כּ״י אומאַן, קל, ב; כּ״י כתבי קודש, ח״ז טו, ב; תוספתא למדרש פּנחס, כא.

[21] גאולת ישראל, כט.

[22] „איך קאַן מיך נישט קילין, אלא בעת שאני לומד זוה״ק שפאר איך מיך אפ", גאולת ישראל, קה.

[23] כּ״י כתבי קודש, ח״ה, כב, א.

[24] מדרש פּנחס, ז׳ 77.

[25] „גם היה אומר לאנשי שלומו שיסיימו ספר הזוהר בכל שנה", גאולת ישראל, כט.

[26] תורת ר׳ פּנחס מקוריץ, ריז.

[27] תוספתא למדרש פּנחס, ע און עז.

ער לערנט זוהר איז ער אין גדלות".[28] מיט דעם איז ניט געווען זײַן כּוונה צו פֿאַרקלענערן די חשיבֿות פֿון די חכמי התּלמוד. זײַן כּוונה איז געווען אַ מין קריטיק אויף דעם אָנגענומענעם דרך־הלימוד פֿון יענער צײַט:

> דאָס עיקר לערנען פֿון די תּנאים און אמוראים איז געווען אין די סודות פֿון דער תּורה. זיי האָבן געקענט דעם סוד פֿון דער פּנימיות פֿון דער תּורה און פֿלעגן לערנען אַפֿילו דעם פּשט לויט דעם סוד. אָבער איצט איז די פּנימיות פֿון דער תּורה פֿאַרגעסן געוואָרן, און געבליבן איז נאָר דער פּשט. פּנימיות פֿון דער תּורה איז מוחין דגדלות, דער פּשט איז מוחין דקטנות, און אין קטנות קאָנען אַ מאָל די חיצונים האָבן אַן אחיזה. צוליב דעם אַז אַ מענטש לערנט מיט זײַנעם אַ חבֿר תּורה לויט פּשט פֿאַלט אַ מאָל גאווה אין זײַן מחשבֿה אַרײַן. אַנדערש אָבער ווען אַ מענטש לערנט זוהר.[29]

נאָך הערן מיר: „קבלה איז אויפֿגעקומען אין ארץ־ישׂראל, גמרא אין חוץ לאָרץ. תּלמוד בבֿלי איז חצניותדיק".[30] „גמרא איז דער עולם הבריאה, און דער זוהר איז עולם האַצילות".[31] „אַ מענטש וואָס לערנט אַלע יאָרן נאָר תּורה שבעל פּה, דהײַנו ער גיט זיך אָפּ מיט מאַכן פּשטלעך, ווערט ער אַן עקר וואָס איז נישט מוליד".[32]

אין די כּתבֿים פֿון ר' פּנחסן איז פֿאַראַן זייער אַ שאַרף וואָרט, אַ וואָרט וואָס מען קאָן נישט געפֿינען זײַנס גלײַכן אין חסידישע ספֿרים:

> אין איצטיקן דור לערנט מען נישט אַזוי פֿיל תּורה ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, ווײַל איצט איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן אַ סך יִראה בײַם עולם און אַמאָליקע יאָרן איז נישט געווען אַזוי פֿיל יִראה, דערפֿאַר האָט מען זיך אָפּגעגעבן מיט תּורה. פֿאַראַנען ערטער ווו מען לערנט [ליטע?] — דאָרטן איז נישטאָ קיין יִראה.[33]

דער דאָזיקער אומגלייבלעך שאַרפֿער זאָג איז בײַ אַ סך חסידים געווען ווי אַ דאָרן אין אויג.[34]

ר' פּנחס האָט געלערנט אויך אַ סך אַנדערע קבלה־ספֿרים ווי למשל פּרדס רמונים פֿון ר' משה קאָרדאָוועראָ, די כּתבֿים פֿון אַר"י און שני לוחות הברית

---

[28] גאולת ישראל, פב. אין זוהר „מתחדש בכל יום פירוש אחר", כּ"י כתבי קודש, ח"ז, י, א.

[29] תוספתא למדרש פנחס, עא.

[30] תוספתא למדרש פנחס, צה.

[31] גאולת ישראל, יז.

[32] כּ"י סינסינאַטי, כד, ב.

[33] נר ישראל, לקוטים מר' פנחס מקאריץ, כג.

[34] ר' יצחק יהודה יחיאל מקמארני, נתיב מצותיך, חלק התורה, שביל א, סימן יב, שרײַבט וועגן דעם דאָזיקן זאָג: „והדפיסו שם דבר שקר משמו, ולא יצאו דברים אלו מפיו הקדוש, כי כמה לקוטים באו לידינו ולא נמצאו דברים אלו... ואיזה ליצון הדפיס דברים של הבל... אוי לאזנים שכך שומעות. נשבע אני... שלא יצאו דברים כאלו מפי הקדוש ר' פנחס שהיה תמיד אפטרופוס לאורייתא ומזהיר ללמוד תורה לשמה, כי הוא עקר חיות האדם הישראלי, כידוע לנו הנהגתו מתלמידיו ששימשו לפניו". דער דאָזיקער זאָג געפֿינט זיך אויך אין אַנדערע זאַמלונגען; אין דעם ספֿר לקוטי שושנים, מונקאַטש, תּרנט, האָבן דאָס די דרוקערס (!) אַרויסגעוואָרפֿן.

פֿון ר׳ ישעיה הורוויץ. אַ גרויסע השפּעה האָט געהאַט אויף אים דער ספֿר מגיד מישרים וואָס ברענגט פֿאַרשיידענע סודות וואָס אַ מגיד פֿון הימל האָט מגלה געווען צו ר׳ יוסף קאַרו, דעם באַרימטן מחבר פֿון שולחן ערוך. אונטער דער השפּעה פֿון מגיד מישרים האָט ר׳ פּנחס אָנגעהויבן אַ סך פֿאַסטן און זיך פּײַניקן. אַ מאָל האָט ער געזאָגט צו זײַן תּלמיד, אַז דער ספֿר מגיד מישרים האָט אים אָפּגעשוואַכט דעם קערפּער, ווײַל ער איז געגאַנגען אין דעם דרך וואָס דער מגיד מישרים האָט אָנגעוויזן: „אַז ס׳איז גוט צו עסן ווייניק".[35] כּל ימיו איז דער דאָזיקער ספֿר בײַ אים געווען זייער חשובֿ „און ער איז כּמעט ניט אַראָפּ פֿון זײַן טיש", וואָרעם ער פֿלעגט זאָגן: „ווערטער וואָס זײַנען געזאָגט געוואָרן פֿון הימל דאַרף מען אוודאי זייער הויך האַלטן". און אַז מען האָט אים דערמאָנט, וואָס עס שטייט אין שבחי האר״י, אַז די ווערטער פֿון מגיד מישרים זײַנען ניט געווען שטאַרק חשובֿ בײַם אר״י, האָט ער געענטפֿערט, אַז דער שרײַבער פֿון שבחי האר״י זאָגט ליגן.[36]

ר׳ פּנחס האָט געלעבט אין גרויס אָרעמקייט. אָבער ער האָט בשום אופֿן ניט געוואָלט נהנה זײַן פֿון מענטשן. ער איז געזעסן על התּורה ועל העבֿודה, און דער טאַטע זײַנער האָט אים מפֿרנס געווען. איין מאָל האָט זיך דער טאַטע דער מוכיח פֿאַרשפּעטיקט אין וועג און „ס׳איז געקומען דערצו, אַז ער האָט אַפֿילו ניט געהאַט קיין פּרוטה". דערווײַל איז ער קראַנק געוואָרן „און ער האָט ממש ניט געהאַט קיין עצה ווי אַזוי צו געפֿינען אויף לעבן... האָבן מענטשן אים געוואָלט געבן פֿיר אָדער פֿינף גילדן", אָבער ער האָט בשום אופֿן ניט גע־וואָלט נעמען, ער האָט געהאַט בטחון אין השי״ת.[37] איין מאָל האָט מען אים פֿאַרגעלייגט צו ווערן אַ מלמד פֿון קליינע קינדער, „און ער האָט געוווּסט, אַז דערפֿון וועט אַרויסקומען אַ שטערונג אין עבֿודת השם",[38] האָט ער ניט געוואָלט און זיך פֿאַרלאָזט אויף השם יתברך. האָט השי״ת מזמין געווען, אַז מען איז געקומען צו אים אַהיים אויסבײַטן געלט ווי בײַ אַ געלטבײַטער, האָט ער זיך פֿון דעם מפֿרנס געווען.[39] סוף כּל סוף איז ער געווען געצוווּנגען אַ שטיקל צײַט דערנאָך אָדער פֿאַר דעם צו ווערן אַ מלמד פֿון קינדער און האָט געפֿונען אַ מלומדות אין אַ דאָרף לעבן פּולנאָע.[40]

## אין דאָרף און אין קאָריץ

ר׳ פּנחס איז געווען אַ נחבא אל הכּלים.[41] מענטשן האָבן אים ניט אָפּגע־

---

[35] כּ״י סינסינאַטי, קס, א.

[36] כּ״י סיניסינאַטי, נב, א; פאר לישרים, יד, א.

[37] כּ״י כּתבי קודש, ח״ס, ג, א; כּ״י שפּירא.

[38] „שע ווען איש שאמין לעבודת השם". ר׳ נחמן בראַצלאַווער האָט אויך ניט געוואָלט, אַז „שום אחד מאנ״ש" זאָל זײַן אַ מלמד, עלים לתרופה, ז׳ 130.

[39] כּ״י כּתבי קודש, ח״ט, ג, א.

[40] ספורי צדיקים, פֿון ר׳ אַבֿרהם יצחק אַב״ד זינקאָוויץ, ווין תּרפּב, סימן מד.

[41] ווען ער איז שפּעטער מפֿורסם געוואָרן האָט ער געזאָגט: „איך האב ניט קונה שלמות גיווען, נאר ווייל איך האב גילערנט אונטערין אויבין, עכשיו אז איך זעץ מיך אויבן און לערנין,

געבן ספּעציעל קיין כּבֿוד און מען האָט אים גערופֿן מיטן פּראָסטן נאָמען: „דער שוואַרצער מלמד״. אין יענער צײַט האָט געלעבט אין פּולנאָע ווי אַ מגיד ר׳ יהודה לייב, באַקאַנט מיטן נאָמען „דער מוכיח״. ער האָט יאָ געוווּסט, „ווי גרויס ס׳איז די צידקות און די הייליקייט״ פֿון ר׳ פּנחסן, און ער האָט אים זייער ליב געהאַט. דער מוכיח האָט געהאַט אַ ספּעציעלע מיקווה לעבן זײַן דירה און גע־געבן רשות ר׳ פּנחסן זיך דאָרטן טובֿל צו זײַן ווען ער וויל. טובֿל זײַן זיך אין מיקווה איז געווען זייער טײַער בײַ ר׳ פּנחסן, און איין מאָל האָט ער זיך ממש אײַנגעשטעלט דאָס לעבן און דערפֿון אַרײַנגעקומען אין אַ סכּנה.״

איין מאָל ערבֿ פּסח האָט ער געמוזט גיין אויף דער אַנדערער זײַט טײַך כּדי צו באַקן מצות.

„אין יענער צײַט האָט דאָס וואַסער פֿאַרפֿלייצט די בריק, און די גויים האָבן געהאַלטן בײַם פֿאַרריכטן די בריק, און ס׳איז געווען אַ גרויסע סכּנה צו גיין אויף יענעם אָרט, כּמעט סכּנות נפֿשות, וואָרעם גויים זײַנען געווען רוצחים אין יענע צײַטן. ר׳ פּנחס האָט זיך אָבער פֿאַרלאָזט אויף השי״ת, אַז ער וועט אים העלפֿן, און ער איז געגאַנגען מיטן כּוח פֿון בטחון. האָט אים גאָט געהאָלפֿן, אַז ס׳איז אָנגעקומען אַ ייִד אַ שנײַ־דער וואָס האָט געטראָגן מלבושים פֿונעם דוכּס; איז ער נאָכגעגאַנגען דעם שנײַדער, און כּדי אָפּצונאַרן די גויים האָט אים דער שנײַדער גע־געבן מלבושים צו טראָגן, כּדי די גויים זאָלן מיינען, אַז ער איז זײַנער אַ מענטש; און זיי האָבן אים גאָרנישט געטאָן. און דער שנײַדער האָט זיי געוואָרנט, אַז ווען ער וועט שפּעטער גיין אַליין זאָלן זיי [די גויים] אים גאָרנישט טאָן. פֿון דעסט וועגן, אַז ער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען צוריקוועגס אַהיים האָט אַ גוי אים נאָכגעוואָרפֿן אַ שטיק האָלץ אויפֿן פּוס.״[42]

פֿון פּולנאָע האָט זיך ר׳ פּנחס איבערגעצויגן קיין קאָריץ אויפֿן טײַך קאָר־טשיק. אין קאָריץ איז געווען אַן אַלטע קהילה, נאָך פֿון 16טן י״ה; אין יאָר תּקכּה (1765) האָבן דאָרטן געוווינט 937 ייִדן. אין יענער צײַט בערך האָט דאָרטן דער גראַף טשאַרטאָריסקי געגרינדעט אַ פֿאַבריק פֿאַר וועבערס, און אַ הונדערט צוואַנ־ציק ייִדן האָבן דאָרטן געאַרבעט, ערשט געצוווּנגענערהייט, דערנאָך גערנוויליק.[44] קאָריץ איז געווען זייער אַ וויכטיקער מקום תּורה. אין יאָר תּקכו (1766) איז דאָרטן אויפֿגענומען געוואָרן ווי אַ רבֿ ר׳ יצחק אײַזיק הכּהן, דער מחבר פֿונעם ספֿר ברית כּהונת עולם, ווען ער איז אַלט געווען דרײַצן יאָר. ר׳ יצחק אײַזיק, וואָס ר׳ פּנחס האָט אויף אים עדות געזאָגט, „אַז ער איז געבוירן געוואָרן מיט גוטע מידות״[45] איז געווען אַ גדול אי אין ניגלה אי אין ניסתּר און ער האָט גע־לערנט מיט תּלמידים „אַלע טאָג ש״ס און פּוסקים״ אין זײַן ישיבֿה. צווישן די

---

הייס איך ניט וואָס שע שטייט״, כּ״י כתבי קודש, ח״ז, ו, א. „כי מכל מעשה בני אדם אינו חשוב כי אם הדבר שאינו ידוע לשום אדם, כי אין הברכה מצויה אלא בדבר הסמוי מן העין״, נופת צופים, א, קו.

[42] ספורי צדיקים, סימן מד.

[43] כּ״י כתבי קודש, ח״ט, ג, א.

[44] *Encyclopaedia Judaica*, X, p. 325.

[45] כּ״י סינסינאַטי, עב, א.

וואָס האָבן בײַ אים געלערנט איז אויך געווען דער באַרימטער ר׳ אפֿרים זלמן מרגליות. ער האָט געלעבט אין אויסערגעוויינטלעכער פֿרומקייט. „בײַ טאָג און בײַ נאַכט איז ער געווען אַנגעטאָן אין תכריכים״. און אויף דער וואַנט פֿון זײַן שטוב איז געווען אויפֿגעשריבן: „עס איז דערלויבט צו ריידן מיטן רבֿ וועגן גוף־זאַכן אויב עס איז זייער נייטיק, אָבער וועגן נשמה מעג מען ריידן אַלץ...״[46]

ווען ר׳ פּנחס האָט זיך באַזעצט אין קאָריץ איז נישט באַוווסט. אָבער ער האָט ווײַזט אויס געלעבט דאָרטן אַ סך יאָרן, און די שטאָט איז טאַקע באַרימט געוואָרן אויף דער וועלט אין זײַן זכות, וואָרעם עד היום איז ער באַקאַנט מיטן נאָמען ר׳ פּנחס קאָריצער. ער פֿלעגט זיצן אין בית־מדרש „און טאָן זײַן עבֿודה אין גרויס זריזות״. ייִדן האָבן אים ניט געהאַלטן פֿאַר קיין בעל־מדרגה, וואָרעם ער איז געווען אַ באַהאַלטענער מענטש, ביז ס׳איז געקומען אַ געלעגנהייט ווען מען האָט פּלוצלינג דערזען „אַז ער האָט אויגן וואָס זעען, און ער זעט. דעמאָלט האָט מען אים אָנגעהויבן אָפּצוגעבן כּבֿוד״.[47]

## ר׳ פּנחס און דער בעש״ט

בערך אַרום דעם יאָר תצ (1730) איז דער בעל־שם נתגלה געוואָרן. ר׳ יהודה לייב דער מוכיח פֿון פּולנאָע איז געווען פֿון זײַנע מקורבֿים. נאָך דער עצה פֿון בעש״ט איז ער געוואָרן אַ מוכיח, און ער איז געווען פֿון די ערשטע וואָס האָבן געזען צו פֿאַרשפּרייטן די תורה פֿון בעש״ט אין דער וועלט. ס׳איז זייער מיגלעך, אַז פֿון אים האָט ר׳ פּנחס געהערט וועגן דער גרויסקייט פֿונעם גרינדער פֿון חסידות. דער אמת איז, אַז עס זײַנען פֿאַרבײַ אַ סך יאָרן זינט דער בעש״ט איז נתגלה געוואָרן און ר׳ פּנחס איז אַלץ געשטאַנען פֿון דער ווײַטנס. אַ סך מאָל האָט ער זיך געוואָלט באַקענען מיטן בעש״ט, אָבער דער טאַטע זײַנער ר׳ אַבֿרהם אַבאַ איז געווען אַ „ליטוואַק און אַ גרויסער תּקיף בײַ זיך״; ער האָט זייער ווייניק געהאַלטן פֿון בעש״ט; האָט ער אים אָפּגערעדט דערפֿון „און פֿלעגט שטענדיק זאָגן צום זון זײַנעם: צו וואָס זאָלסטו פֿאָרן?״

ר׳ פּנחס האָט אָבער זייער גרויס חשק געהאַט צו באַקענען דעם בעש״ט, און סוף כּל סוף האָט דער חשק זײַנער גובֿר געווען אַלע שטערונגען. איין מאָל, דערציילט די לעגענדע, איז ר׳ פּנחס געגאַנגען מיטן ראָוונער רבֿ איבערן לאַנד צו קלײַבן געלט אויף פּדיון שבֿויים. איינער אַ ייִד, אַ קרובֿ זייערער, איז געווען פֿאַרשפּאַרט אין תּפֿיסה. זאָגט ר׳ פּנחס צום ראָוונער רבֿ: „איך האָב געהערט, אַז דער בעש״ט האַלט שבת אין קאַמינקע.[48] לאָמיר פֿאָרן צו אים, אפֿשר וועלן מיר דורך אים

[46] שו״ת זכרון כהונה, הקדמה; ברית כהונת עולם, הקדמה; ביבער, דצ״ו, זז׳ 217—221. ווען ער איז ניפֿטר געוואָרן אין תקמח (1788) איז ער אַלט געווען 35 יאָר.

[47] בית פּנחס, ז׳ 12.

[48] לויט דער מסורה אין ר׳ שמואל קאַמינקערס משפּחה האָט זיך דער בעש״ט נוהג געווען צו קומען אַלע יאָר קיין קאַמינקע מחמת דער אַלטער ר׳ צבֿי קאַמינקער האָט עדות געזאָגט אויף זײַן קדושה און דורך דעם איז ער אָנגענומען געוואָרן בײַ אַ סך צדיקים, תפארת שמואל, ז׳ 6. אַז דער בעש״ט פֿלעגט קומען קיין קאַמינקע ווערט אויך דערמאָנט אין די שבחי בעש״ט.

געהאָלפֿן ווערן און מיר וועלן ניט דאַרפֿן זיך אַרומוואָלגערן". האָט פּאַסירט, אַז ר' אַבֿרהם אַבא, ר' פּנחסעס טאַטע, איז אויך געווען אין קאַמינקע, און דער טאַטע און דער זון האָבן זיך ביידע דערנעענטערט צום בעל־שם.[49]

די דאָזיקע באַגעגעניש איז פֿאָרגעקומען, ווײַזט אויס, ניט לאַנג פֿאַרן יאָר תקכ (1760), וואָרעם ווי ס'איז מקובל האָט ר' פּנחס זיך געזען מיטן בעש"ט אין גאַנצן דרײַ מאָל.[50] דאָס איז מסתמא דערפֿאַר ווײַל ער האָט זיך צו אים דערנעענטערט ניט לאַנג פֿאַר דער פּטירה פֿון בעש"ט אין תקכ (1760). אַן אַנדער ראיה איז, וואָס ר' פּנחס האָט זיך באַצויגן צום בעש"ט, הגם יענער איז געווען עלטער פֿאַר אים מיט אַ סך יאָרן, נישט ווי אַ תלמיד נאָר ווי אַ תלמיד־חבֿר. דאָס איז מסתמא דערפֿאַר ווײַל ר' פּנחס האָט זיך באַקענט מיטן בעש"ט ווען ער אַליין איז שוין געווען איבער דרײַסיק יאָר.

ר' פּנחס האָט זיך מתקשר געווען צום בעש"ט און אין די הויפּטפּונקטן אָנגענומען זײַן דרך. ר' פּנחס האָט אויף זיך עדות געזאָגט, אַז „זינט ער איז געווען בײַם בעש"ט האָט אים גאָט געהאָלפֿן קומען צום אמת. און איך גיי, האָט ער געזאָגט, אין וועג פֿון דוד המלך ע"ה."[51]

אין דעם בעש"ט האָט ר' פּנחס געזען אַ מענטש וואָס האָט געעפֿנט אַ נײַעם וועג אין דער עבֿודה פֿון גאָט, און ער האָט באַטאָנט, אַז ער גייט „אין בעש"טס דרך" און אַז מיטן בעש"ט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע תקופֿה אין ייִדישקייט. „פֿון זינט מען האָט אָנגעהויבן צו גיין אין דרך פֿון בעש"ט זײַנען בטל געוואָרן אַ סך זאַכן וואָס ר' יהודה חסיד האָט מתקן געווען".[52] אַ תלמיד וואָס איז געווען זייער איבערגעגעבן צו ר' פּנחסן האָט אַ מאָל געזען, אַז אַ ייִד לערנט פֿאַרן דאַווענען און האָט ניט געדאַוונט באַלד אין דער פֿרי; האָט ער אים געוואָרנט, ער זאָל לייענען קריאת שמע אין דער צײַט און געזאָגט: „הגם ס'זײַנען פֿאַראַן חסידים וואָס זײַנען נישט אַזוי מקפּיד צו דאַווענען באַלד אין דער פֿרי, אָבער דער עיקר חסידות האָט זיך אָנגעהויבן מיטן בעש"ט ז"ל און זײַנע מענטשן, און אויב זיי זײַנען געווען געוואָרנט [מיטן דאַווענען באַלד אין דער פֿרי], ווער האָט עס כּוח צו בײַטן?".[53]

דער בעש"ט האָט געלערנט, אַז „ס'איז בעסער צו דינען גאָט מיט שׂימחה

[49] שבחי בעש"ט, יח, ב. אין יענער צײַט איז ר' פּנחס משמעות שוין געווען באַוווסט.

[50] כּ"י כתבי קודש, ח"י, ה, א.

[51] כּ"י סינסינאַטי, קח, א.

[52] פּאר לישרים, סימן קעח. זען שו"ת דברי חיים, ח"א, אה"ע, סימן ח: „אין בכחמי האחרונים לדחות דברי הקדמונים... כי אנו כאין נגד חכמתם ותורתם וחסידותם, ועלינו לקבל דבריהם באהבה, הגם שהוא נגד התלמוד... במדינתנו אין מדקדקים רק באשה ששמה כשם חמותה". זען אויך דובר שלום, ז' 53.

[53] פּאר לישרים, יט, א. אין דעם אויסדרוק „עיקר חסידות" איז פֿאַראַן אַ רמז, אַז עס זײַנען געווען חסידים אײדער דער בעש"ט איז נתגלה געוואָרן. וועגן דעם ענין פֿ"גל דינבורג, ציון, IX, זז' 186 א"וו.

אַן פּײַניקונגען, ווײַל פּײַניקונגען ברענגען צו עצבֿות״[54] און האָט גוזר געווען אויף זײַן תּלמיד ר׳ יעקבֿ יוסף, ער זאָל ניט פּאַסטן „מער ווי מען מוז און ווי מען דאַרף״.[55] ווײַזט אויס, אַז אונטער דער השפּעה פֿונעם בעש״ט טאַקע האָט ר׳ פּנחס פֿאַרלאָזט דעם וועג פֿון אַסקעטיזם, אויף וועלכן ער איז געגאַנגען אין די יונגע יאָרן, און האָט געלערנט, „אַז מען דאַרף עסן און דינען גאָט דורך עסן״.[56] קעגן די ווערטער פֿון דעם „מגיד״ וואָס ער האָט געלערנט ר׳ יוסף קאַרו, אַז מען דאַרף ווייניק עסן, האָט איצט ר׳ פּנחס געזאָגט: „דאָ אויף דער וועלט ווייסט מען מער ווי אויבן אויף יענער וועלט [ד״ה אין דער וועלט פֿונעם מגיד], אַז מען דאַרף עסן און דינען גאָט דורך עסן״. מען דערציילט, אַז פֿון בעש״ט האָט ער געלערנט, ווי אַזוי צו עסן פֿאַר גאָט.[57] אַמאָליקע יאָרן האָבן חסידים „אויסגעמיטן אַלע זיבעציק טויערן פֿון היתּרים פֿון מורא, אַז זיי זאָלן נישט אַרײַן אין איין טויער פֿון איסור״,[58] איז געקומען דער בעש״ט און האָט געלערנט: „אַ מענטש זאָל נישט צו פֿיל מדקדק זײַן אין יעדער זאַך וואָס ער טוט. און דאָס איז אין גרונט די כּוונה פֿון יצר הרע, אַנצומאַכן אַ מענטשן מורא, טאָמער איז ער נישט יוצא אין דעם, כּדי אים צו ברענגען צו עצבֿות״.[59] ר׳ פּנחס האָט אויך געלערנט: „אַ מענטש טאָר ניט צו פֿיל מחמיר זײַן און זאָל נישט צו פֿיל מורא האָבן, וואָרעם דאָס רופֿט אַרויס בייזע כּוחות חס ושלום״.[60] ער האָט אויך „מקפּיד געווען, אַז מען זאָל נישט צו פֿיל מחמיר זײַן, וואָרעם דורך צו פֿיל חומרות ברענגט מען אויף זיך גלות״.[61]

ר׳ פּנחס האָט נישט נאָר אָנגענומען די תּורה פֿון בעש״ט און אַ סך פֿון זײַנע מינהגים, נאָר האָט אויך גענומען בײַ אים עצות אין פּערזענלעכער התנהגות. מען דערציילט:

> א מאָל איז אַרײַן אין ר׳ פּנחסן אַ מחשבֿה אַז אפֿשר איז גאָר פֿאַראַן אַ דרך הטבֿע אין יעדער זאַך. איז אָנגעקומען דער בעש״ט אין דער שטאָט וווּ ער איז געווען. איז ר׳ פּנחס צו אים געגאַנגען. זאָגט אים דער בעש״ט: „פֿאַר וואָס איז די רִישעות פֿון עמלק ערגער ווי די רישעות פֿון אַלע אַנדערע פֿעלקער? ווײַל די עבֿרה פֿון עמלק איז געווען, וואָס ער האָט געפּרוּווט מפֿרש זײַן אַלע נסים לויטן דרך הטבֿע״. האָט ר׳ פּנחס פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט דער בעש״ט אים. איז ער געגאַנגען דאַווענען מינחה און דערנאָך געקומען צוריק צום בעש״ט. זאָגט דער בעש״ט צו ר׳ פּנחסן: „נו, און וואָס איז דער תּירוץ אויף דעם? דער תּירוץ איז, אַז מיר זעען דאָך, וואָס תּפֿילה טוט אויף: מען דאַוונט און מען ווערט

---

[54] צוואת הריב״ש, וואַרשע תּר״ג, ז׳ 10.

[55] אין זײַן בריוו צום פּולנאָער רבֿ, שבחי בעש״ט, ח, ד.

[56] כּ״י סינסינאַטי, ק״ס, א.

[57] כּ״י כתבי קודש, ח״ה, ו, ב; דאָרטן ח״י, ג, א.

[58] חובות הלבבות, שער התשובה, פּה.

[59] צוואת הריב״ש, ז׳ 9.

[60] כּ״י סינסינאַטי, כב, ב.

[61] כּ״י סינסינאַטי, קג, א.

גנעהאָלפֿן". האָט ר' פּנחס מתפּלל געווען, אַז ער זאָל פּטור ווערן פֿון יענער מחשבֿה און ער איז טאַקע פּטור געוואָרן דערפֿון.[62]

ווי געזאָגט, איז ר' פּנחס ניט געווען אין גאַנצן ניכנע צום בעש"ט ווי אַ תּלמיד צו אַ רבין און האָט מיט אים אַפֿילו זיך געשפּאַרט וועגן עניני עבֿודה. לויט דער טראַדיציע האָט ער איבערגענומען פֿון בעש"ט דרײַ זאַכן,[63] און דער בעש"ט האָט פֿון אים אויך איבערגענומען דרײַ זאַכן.[64] ער האָט אַ מאָל געזאָגט: „די כּוונה פֿון עסן ווייס איך אַזוי גוט ווי דער בעש"ט".[65] ער האָט אַפֿילו זיך ניט געשראָקן צו זאָגן: „חכמות קומען נאָר אַרויס פֿון מיר, פֿון בעש"ט וואָלטן זיי אַפֿילו נישט איבער דער שוועל אַריבערגעגאַנגען".[66]

אין אַ סך זאַכן איז ער געווען מחולק אויפֿן דרך פֿון בעש"ט. ר' פּנחס פּלעגט הייסן אַ סך מענטשן לייגן תּפֿילין חול המועד. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט אַ וויכּוח מיטן בעש"ט, וואָרעם דער בעש"ט פֿלעגט הייסן, מען זאָל ניט לייגן תּפֿילין חול המועד לויט ווי דער זוהר זאָגט. ר' פּנחס האָט געהייסן, מען זאָל יאָ לייגן אָן אַ ברכה און נישט מכוון זײַן לשם מיצווה.[67] ר' פּנחסעס תּלמידים האָבן געוווּסט, אַז די מינהגים פֿון זייער רבין זײַנען אַנדערש ווי די מינהגים פֿונעם בעש"ט, פֿלעגן זיי זײַן געוואָרנט ניט צו בײַטן אַפֿילו אַ קלייניקייט פֿון דעם וואָס זייער רבי פֿלעגט טאָן. אַ מינהג פֿונעם בעש"ט, למשל, איז געווען, צו פֿאַרענדיקן גאַנץ תּהילים יעדן ערבֿ ראָש חודש. אַז ר' רפֿאל, ר' פּנחסעס תּל־מיד, האָט געהערט פֿון עמעצן פֿון זײַנע מקורבֿים, אַז ער איז זיך אַזוי נוהג, האָט ער אים געהייסן זאָגן תּהילים דווקא אָן אַנדער טאָג, כּדי מען זאָל וויסן, אַז דאָס איז נישט אַ מינהג פֿון ר' פּנחסן, נאָר דער מינהג פֿון בעש"ט: „מיר מוזן זיך נוהג זײַן לויט דעם מינהג פֿון אונדזער רבין".[68]

דער בעש"ט האָט שטאַרק מכבד געווען ר' פּנחסן. איין מאָל איז ער געווען בײַ ר' פּנחסן און האָט אים געזאָגט: „אין מײַנע יונגע יאָרן האָב איך געפֿילט, אַז איך האָב אויפֿגעהויבן די הענט האָבן וועלטן געציטערט; איצט פֿיל איך עס גאָר־נישט". ענטפֿערט אים ר' פּנחס: „און איך פֿיל, אַז ווען איך הייב אויף די הענט ציטערן וועלטן".[69]

---

[62] כּ"י סינסינאַטי, נז, א.

[63] „השפעת הברכה לחשוכי בנים ועניני סגולות ורפואות להתברך בברכת פרי הבטן; סוד החטם שנקביה למטה; סוד סתימת בקבוק היין שמקדשים עליו, אחר שמילאו את הכוס לקידוש", תורת אבות, 18, און אין אַן אַנדער נוסח, כּ"י כתבי קודש, ח"י ג, א.

[64] „סתימת החלונות אחר הדלקת נר שבת, בל יתראה אור הנר לחוץ שלא יהנו החיצונים מאור הקדושה של נר שבת; ענין וסוד מחלת הקדחת; סוד תרי בדי הדס", תורת אבות, ז' 18.

[65] פאר לישרים, יב, א.

[66] „חכמות קומען נאר פין מיר ארויס, אבל מן הבעש"ט וואהלט עס ניט איבער גיגאנגין אפילו איבער דער טיר", כּ"י סינסינאַטי, פא, ב.

[67] כּ"י סינסינאַטי, צג, ב.

[68] פאר לישרים, י, ב.

[69] כּ"י כתבי קודש, ח"י, ג, א.

## ר׳ פנחס און דעם בעש״טס תלמידים

אַז ר׳ יעקבֿ פֿון אַנעפּאָל האָט פֿאַר זײַן פּטירה געבעטן דעם בעש״ט, ער זאָל אים זאָגן די מעלה פֿון יעדערן פֿון זײַנע תלמידים, האָט ער אים געענטפֿערט וועגן יעדערן. האָט ער געפֿרעגט וועגן ר׳ פנחסן. האָט דער בעש״ט געענטפֿערט: וועגן אַזאַ גרויסן הייליקן מענטש דאַרפֿסטו ניט פֿרעגן.״[70]

ווי ווײַט מען האָט געהאַלטן פֿון ר׳ פנחסן אין קרײַז פֿון בעש״ט דרינגט אַרויס פֿון דער ווײַטערדיקער געשיכטע:

> כ׳האָב געהערט פֿון ר׳ רפֿאלן אַליין, וואָס ער האָט געזאָגט אינעם נאָמען פֿון ר׳ פנחסן, אַז מען דאַרף נישט גיין אין מיקווה יום־טובֿ, אַז אַ יום־טובֿ געפֿאַלט ערבֿ שבת דאַרף מען ניט גיין אין מיקווה אַרײַן לכּבֿוד דעם פֿרײַטאָג, מען דאַרף ניט גיין אַפֿילו חול־המועד, למשל הושענא רבא, צוליב יום־טובֿ. ער האָט געזאָגט מיט אַזאַ לשון: באַדאַרף מען מער מקווה וויאַ יו״ט איז? חול המועד איז דאָך אויך יום־טובֿ. נאָר דעם פֿערטן טאָג חול המועד, זאָגט ר׳ פנחס, דאַרף מען גיין אין מיקווה אַרײַן פֿאַר נאַכט צוליב אַ מעשׂה שהיה. אַ מאָל איז ר׳ פנחס געווען בײַם בעש״ט פּסח. איז ר׳ פנחס געווען אַ ביסעלע שלאָף, איז ער געגאַנגען אין מיקווה אַרײַן ערבֿ שבֿיעי של פּסח אין דער פֿרי. פֿאַר נאַכט איז ער נישט געגאַנגען. און ווי ר׳ פנחס האָט זיך געשטעלט דאַווענען האָט ער געזען, אַז די תּפֿילה זײַנע גייט צו ראַטעווען דעם בעש״ט, אַז ער זאָל נישט אַוועק פֿון דער וועלט; אָבער היות ער איז נישט געווען אין מיקווה פֿאַר נאַכט האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז די תּפֿילה וועט נישט העלפֿן... האָט ר׳ פנחס זיך סומך געווען אויפֿן בעש״ט. דערנאָך ווען דער בעש״ט האָט געזען ר׳ פנחסן, האָט ער אים געפֿרעגט: „האָסט זיך טובֿל געווען אין מיקווה פֿאַר נאַכט? האָט ר׳ פנחס געלאַכט אַ ביסל, וואָס מען רופֿט אַן שמייכלען״. האָט דער בעש״ט פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז נישט געגאַנגען אין מיקווה, זאָגט דער בעש״ט: ווײ, ווען דו וואָלסט געגאַנגען אין מיקווה פֿאַר נאַכט וואָלט איך דאָך געלעבט; איצט מוז איך אַוועק פֿון דער וועלט. וואָרעם איינס הענגט אין צווייטן.[71]

ר׳ פנחס איז געבליבן אין מעזשבוזש, און שבֿועות תקכ (1760) איז דער בעש״ט ניפֿטר געוואָרן. זיבעציק יאָר איז ער יעמאָלט אַלט געווען.[72]

די נשמה פֿון בעש״ט איז אַרויף אין הימל, אָבער ר׳ פנחס האָט געגלייבט,

---

[70] כּ״י סינסינאַטי, פּא, ב. ר׳ יעקבֿ איז אויך דערמאָנט אין די שבחי בעש״ט, יא, ב.

[71] כּ״י שפּירא. די געשיכטע איז פֿאַראַן, מיט קלײנע שינויים, אויך אין שבחי בעש״ט, לה, ד. דאָרטן, אין העברעיִשן נוסח, שטייט: „וביום שביעי של פסח בתפילה ראה איך שנגזר על הבעש״ט שיסתלק בקרוב מפני התאמצותו מאד נגד שבתי צבי״.

[72] דעם בעש״טס געבוירן־יאָר איז אין די שבחי בעש״ט ניט אָנגערופֿן. דובנאָוו, געשיכטע פֿון חסידיזם, נעמט אָן תס (1700), ר׳ אַבֿרהם יעקבֿ פֿון סאַדעגערע, וואָס ער האָט געוויס געהאַט אין האַנט אַלטע מסורות, האָט דערמאָנט יט כסלו תּרמא (1881), אין דעם טאָג פֿון מעזריטשער מגידס הלולא (יאָרצײַט), אַז דער בעש״ט און דער מגיד זײַנען געווען טיפֿע זקנים; דער בעש״ט איז געווען אַ זיבעציקער און דער מגיד איז געווען אַרום זיבן און זיבעציק. זען די פֿאַרצייכענונגען פֿון זײַן זון, כּ״י פֿון קאָפּיטשינצער רבין, ר. א. דאָס יאָר פֿון דעם בעש״טס פּטירה איז דערמאָנט אין מדרש פנחס, ז׳ 89 און אויך אין כּ״י סינסינאַטי, קא.

אַז זעכציק יאָר נאָך זײַן פּטירה וועט ער צוריקקומען אויף דער וועלט, און ער האָט צוגעגעבן: „און ווער וייס, אין וועלכער מדינה ער וועט זײַן".[73] נאָך פֿלעגט ער זאָגן: אַז דער צדיק קומט אויף יענער וועלט, איז מיט יאָרן שפּעטער ווערט פֿון אים אַ שם און אַ ליכט אין יראת שמים. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט ר' פּנחס מקבל געווען פֿון ר' צבֿי, דעם בעש"טס זון, וואָס האָט אים דערציילט, אַז אַ מאָל האָט ער איבערגענעכטיקט אין אַ וואַלד און ס'איז געווען זייער פֿאַרכטיק, איז אים געקומען צו חלום זײַן טאַטע דער בעש"ט און האָט אים געזאָגט: פֿון אַ צדיק ווערט אויף יענער וועלט אַ [הייליקער] שם, און דו זײַ מכוון מײַן שם [וואָס איז מרומז] אין [דער תּפֿילה] אָנאָ בכוח, וואָרעם דער שם דאָס בין איך.[74]

ר' פּנחס האָט דערציילט מופֿתים וואָס דער בעש"ט און זײַנע מענטשן האָבן געטאָן.[75] און זײַן איבערגעגעבענער תּלמיד ר' רפֿאל האָט געזאָגט: „די וועלט זאָגט, אַז מוצאי שבת דאַרף מען אויך ריידן פֿון בעש"ט, סײַדן מען רעדט אין גאַנצן נישט, אָבער אַז מען רעדט יאָ מוז מען ריידן פֿון בעש"ט."[76]

## ר' פּנחס און דער רבי ר' בער

דער בעש"ט האָט געהאַט אַ סך תּלמידים, און צווישן זיי זײַנען געווען אַזעל־כע וואָס זײַנען בײַ אים געווען אַ סך יאָרן, ווי אַ שטייגער: ר' לייב, דער מוכיח פֿון פּולנאָע און ר' יעקבֿ יוסף וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן ווי דער מחבר פֿון תּולדות יעקב יוסף. אָבער נישט קיינעם פֿון זיי האָט ער אויסגעקליבן צו זײַן זײַן ממלא־מקום. ווי זײַן גײַסטיקן יורש האָט ער אויסגעקליבן דעם רבין ר' בער וואָס איז געווען אַזוי צו זאָגן אַ נײַער מענטש אין מעזשבוזש, וואָרעם ער האָט זיך גע־האָט דערנעענטערט צום בעש"ט אין די לעצטע יאָרן. מען דערציילט, אַז ער איז אין גאַנצן געווען צוויי מאָל בײַם בעש"ט, בײַם צווייטן מאָל האָט ער בײַ אים פֿאַר־בראַכט אַ האַלב יאָר אַן ערך. דער בעש"ט האָט אים איבערגעגעבן אַלצדינג. אַלע נאַכט פֿלעגט ר' בער קומען צו אים, האָט ער מיט אים געלערנט בײַ נאַכט, כּדי די אַנדערע חסידים זאָלן זיך נישט מתקנא זײַן אין אים.[77] די תּלמידים פֿון בעש"ט וואָס האָבן ווײַזט אויס נישט געוווּסט, אַז דער בעש"ט האָט אויסגעקליבן ר' בערן

---

[73] אַזוי האָט דערציילט ר' משה סלאַוויטער וואָס האָט דאָס געהערט פֿון זײַן טאַטן ר' פּנחס, כּ"י סינסינאַטי, קא, א.

[74] כּ"י סינסינאַטי, פּא, ב. „ור' רפאל אמר שהוא שמע מהרב [ר' פּנחס] שיכוון בשם קבל רנת", דאָרטן.

[75] כּ"י סינסינאַטי, ק און נאָך. האָראָדעצקי (החסידות והחסידים א, קמג) שרײַבט, אַז ר' פּנחס האָט ניט געהאַלטן פֿון דעם בעש"טס „אותות ומופֿתים" און האָט געקוקט אויף זיי מיט ספֿק.

[76] פאר לישרים, כ, ב.

[77] אַזוי האָט דערציילט ר' אַבֿרהם יעקבֿ פֿון סאַדעגערע, זען אויבן הערה 72. פּ"גל שבחי בעש"ט, יא, ג: „וכשנסע המגיד ז"ל מהבעש"ט בירך אותו הבעש"ט, ואחר כן הרכין הבעש"ט את ראשו שיברך אותו ולא רצה. לקח הבעש"ט את ידו ונתן על ראשו ובירך אותו".

צו זײַן ממלא־מקום. האָבן אים נישט אָנגענומען ווי זייער מנהיג. נאָר צוליי אָדער דרײַ פֿון די ייִנגערע תּלמידים האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אים.[78]

ר׳ בער איז אין זײַן פּערזענלעכקייט, אין זײַן לעבנסוועג, אין אַ געוויסער מאָס אויך אין זײַן שיטה געווען אַנדערש פֿון בעש״ט, און ס׳איז קיין חידוש נישט, וואָס זײַן איבערנעמען די שטול האָט אַרויסגערופֿן התנגדות אינעם קרײַז פֿונעם בעש״ט, בײַ די מקורבֿים פֿונעם גרינדער פֿון חסידות. ווײַזט אויס, אַז ר׳ יעקבֿ יוסף — אַ תּלמיד וואָס איז געווען אַזוי איבערגעגעבן צו דער תּורה פֿון בעש״ט — האָט געהאָפֿט, אַז ער וועט עס ווערן דעם בעש״טס ממלא־מקום. ס׳איז באַקאַנט, אַז ר׳ בערס איבערנעמען די פֿירונג האָט אים גורם געווען חולשת־הדעת. מען דערציילט, אַז ר׳ יעקבֿ יוסף איז אַ מאָל געפֿאָרן דורך מעזריטש, ווו ר׳ בער האָט אָוועקגעשטעלט דעם נײַעם צענטער פֿאַר חסידות, און האָט געוואָלט אַרײַנגיין צו ר׳ בערן. דער רבי ר׳ בער האָט זיך דעמאָלט שוין געפֿירט גרויס און אַ משמש איז געשטאַנען פֿאַר דער טיר. אַז ר׳ יעקבֿ יוסף האָט געוואָלט אַרײַן, האָט דער משמש אים פֿאַרהאַלטן, ווײַל ער האָט אים ניט געקענט. האָט ר׳ יעקבֿ יוסף, אַ קפּדן, אים אַ פּאַטש געטאָן און איז אַרײַן צו ר׳ בערן אין צימער, האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און אים געזאָגט אויף פּויליש: דו ביסט אַ פּריץ, וואָס אַ שומר שטייט בײַ דיר פֿאַר דער טיר? האָט זיך דער מגיד פֿאַר אים פֿאַרענטפֿערט און געזאָגט, אַז ער איז אַ שוואַכער ייִד און דערפֿאַר דאַרף עמעצער שטיין בײַ דער טיר. דער מגיד האָט אים געבעטן זיצן, אָבער ר׳ יעקבֿ יוסף האָט ניט געוואָלט לאַנג בלײַבן בײַ אים.[79]

ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט, איז דער מגיד געוואָרן באַרימט אויף דער וועלט, און מעזריטש איז געוואָרן דער צענטער פֿון חסידים. אַ סך תּלמידים, צווישן זיי גרויסע לומדים און גרויסע פּערזענלעכקייטן, זײַנען געקומען בײַ אים לערנען. חסידות, וואָס אין דער צײַט פֿון בעש״ט האָט זיך עס באַגרענעצט דער עיקר אויף אוקראַיִנע, האָט אײַנגענומען אַ סך הערצער אי אין דער ליטע אי אין רײַסן. דער מגיד איז געווען דער אײנציקער צווישן די תּלמידים פֿון בעש״ט וואָס האָט זוכה געווען צו ווערן באַרימט אויף דער וועלט אין זײַן לעבנסצײַט. ער איז אין גאַנצן געווען אַקטיוו דרײַצן יאָר, אָבער אין זײַנע טעג האָט זיך חסידות פֿאַרשפּרייט און איז געוואָרן אַ גוואַלדיקע באַוועגונג. ער האָט מעמיד געווען אַ סך מינהגים וואָס האָבן פֿאַרשפּרייט די תּורה פֿון זײַן רבין אין אַ סך לענדער. בעל־כּרחו האָט שפּעטער ר׳ יעקבֿ יוסף מודה געווען אין דער וויכטיקייט פֿונעם נײַעם צענטער. מען דערציילט, אַז ער האָט געזאָגט: וואָס קאָן מען טאָן, אַז זינט דער בעש״ט איז נסתּלק געוואָרן איז די שכינה מיט איר קלומיקל אַריבער פֿון מעזשבוזש קיין מעזריטש און מיר מוזן

---

[78] אַ שטייגער ר׳ נחום טשערנאָבילער און ר׳ מענדל וויטעבסקער. אויך ר׳ מיכל זלאָטשעװער איז געקומען צום מגיד, אָבער ניט ווי אַ תּלמיד. זען די פֿאַרצייכענונגען פֿון ר׳ שלמה סאַדעגערער, קסט.

[79] דאָרסן, קיח, ב.

זיך אײַנבייגן.[80] פֿון דעסט וועגן, הגם די דאָזיקע ווערטער ריידן דער עיקר פֿון נײַעם צענטער און ניט פֿונעם מגיד, האָט ר׳ יעקבֿ יוסף אָבער דערמאָנט אין יאָר תקכה (1765), בשעת ער האָט געדרשנט שבת הגדול זײַן דרשה, אַ דבֿר תורה וואָס ער האָט געהערט פֿון מגיד. דערבײַ שרײַבט ער אויף אים: „החסיד מורנו דוב בער טורצינר".[81] פֿון דער אַנדערער זײַט האָט ר׳ בער ניט געהאַלטן, אַז ר׳ יעקבֿ יוסף איז ראָוי צו זײַן אַ מנהיג ישׂראל.[82]

ר׳ פנחסן איז ניט געווען צום האַרצן דעם רבי ר׳ בערס פֿירונג. ער האָט געגעבן אָנצוהערעניש, אַז בײַם בעש"ט אין די אויגן איז ר׳ יעקבֿ יוסף געווען פֿאַררעכנט פֿאַרן וויכטיקסטן און טײַערסטן תלמיד. ער האָט געזאָגט אין נאָמען פֿון בעש"ט: השם יתברך וועט מיר דאַנקען, וואָס איך האָב אים צוגעשטעלט אַזאַ יוסילי.[83] אויך ער האָט געהאַלטן זייער שטאַרק פֿון דעם פּולנאָער רבֿ און האָט געזאָגט, אַז אַפֿילו אין די צײַטן פֿון די תּנאים און אַמוראים איז נישט געווען אַ מענטש וואָס זאָל האָבן אַזאַ מוח.[84] ער האָט אויף אים עדות געזאָגט, אַז צו אים איז געקומען אַ קוויטל פֿון הימל.[85] אַז עס זײַנען שפּעטער אַרויס זײַנע ספֿרים האָט ער געזאָגט: נישט געווען נאָך אַזעלכע ספֿרים, דאָס איז תּורה פֿון גן־עדן.[86] אַלע נײַע ספֿרים וואָס זײַנען נתחבר געוואָרן אין משך פֿון די לעצטע זיבעציק יאָר זײַנען נישט על פּי אמת חוץ די ספֿרים פֿונעם פּולנאָער רבֿ, וואָרעם נישטאָ אַזעלכע ספֿרים אין דער וועלט חוץ דעם ספֿר אור החיים (פֿון ר׳ חיים ’ן עטר).[87] ער האָט פֿון אים אַזוי געהאַלטן, אַז ער איז אַפֿילו געפֿאָרן צו אים קיין פּולנאָע האַלטן בײַ אים שבת.[88] מען דערציילט, אַז איין מאָל האָט ער גע־נומען מיט זיך ר׳ ברוכן, דאָס אייניקל פֿון בעש"ט וואָס איז בײַ אים אויפֿגע־צויגן געוואָרן אין אָסטרע, און נאָך שבת איז געקומען אַ ספּעציעלער שליח צו ר׳ פּנחסן, אַז ער זאָל באַלד צוריקפֿאָרן צו זיך אַהיים אין אַ חשובֿן ענין. ר׳

[80] דאָרטן; האָראָדעצקי, החסידות והחסידים, א, קט.

[81] בן פורת יוסף, דרוש לשבת הגדול תּקכה, קאָריץ תּקמא, פז, ג. ר׳ בער האָט געוווינט אין טאָרטשין בעת ער האָט זיך דערנעענטערט צום בעש"ט, שבחי בעש"ט יא, א. דובנאָוו, געשיכטע פֿון חסידיזם, איז ניט געווען ער זאָגט, אַז ר׳ בערס נאָמען איז אין ר׳ יעקבֿ יוספֿס ספֿרים קיין איין מאָל ניט דערמאָנט בפֿירוש.

[82] „שמעתי מר׳ דוב כ"ץ מקהלתנו שפעם אחת היה הרב ר׳ יוסף מגיד מישרים דפולנאה אצל המגיד ממיזריטש ובקש הרב המגיד מר׳ יוסף שיעשה לו טובה בבואו לעירו והבטיח לו. ואח"כ אחר זמן רב נתראה פנים שוב המגיד עם ר׳ יוסף ושאל המגיד אם עשה לו אותו דבר שבקש ממנו. והשיב לו ר׳ יוסף שבבואו לעיר נשכח ממנו, ולכן לא עשה. ואמר המגיד: „האי, האי, ווי קאהן אייער ווארט טייער זיין אצל השי"ת", כ"י סינסינאַטי, מט, א.

[83] מדרש פנחס, ז׳ 65. און ר׳ פנחס האָט צוגעגעבן: „ואני אומר השי"ת וועט מיר דאנקין וואס איך האב איהם צו גישטעלט אזוי איין רפאל". ר׳ רפֿאל האָט פֿאַרנומען ר׳ פּנחסעס אָרט בײַ די חסידים וואָס זײַנען געגאַנגען אין ר׳ פּנחסעס וועגן.

[84] פאר לישרים, יא, ב.

[85] פאר לישרים, יא, ב.

[86] פאר לישרים, לא, א.

[87] פאר לישרים, כ, ב.

[88] שבחי בעש"ט, כא, ד; פאר לישרים, יד, ב.

יעקבֿ יוסף האָט זיך דעמאָלט באַהאַלטן אין אַ חדר מיוחד און ר׳ פּנחס האָט אים נישט געוואָלט שטערן און ער האָט נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן די שטאָט אײדער ער האָט זיך געזעגנט. צום סוף איז ער געגאַנגען צו אים מיט ר׳ ברוכן. ר׳ ברוך דערציילט: די טיר איז געווען קרום און אַ ביסל צעבראָכן. אַז איך האָב אָנגערירט די קליאַמקע איז די קליאַמקע אַראָפּגעפֿאַלן אויפֿן דיל און די טיר האָט זיך געעפֿנט. ווי מיר זײַנען אַרײַן אין צימער האָבן מיר געזען, אַז אַ מגיד [אַ מלאך] פֿון הימל איז געזעסן מיט אים און געלערנט. אַ פּחד איז געפֿאַלן אויף ר׳ פּנחסן און ער האָט ניט געקאָנט דאָרטן אײַנשטיין. איך בין אָבער געבליבן שטיין אין צימער. דערפֿאַר אָבער ווייס איך, וואָס אַ מלאך איז. ר׳ ברוך האָט צוגעגעבן: דאָס האָב איך שוין לאַנג געוווּסט, אַז דער פּולנאָער רבֿ האָט געהאַט אַ מגיד וואָס האָט מיט אים געלערנט, אָבער דער זיידע מײַנער, דער בעש״ט, האָט געזען, אַז דער מגיד איז נישט געווען פֿון די אמתע מגידים, האָט ער אים געגעבן אַן אַנדער מגיד, פֿון די אמתע.[89]

ווי עס ווײַזט אויס איז ר׳ פּנחס געווען זייער נאָענט צו ר׳ יעקבֿ יוספֿן. ער פֿלעגט אָפֿט זאָגן: איך און דער פּולנאָער רבֿ.[90] ער האָט אין אים געזען דעם מענטשן וואָס איז ראָוי צו זיצן אויפֿן בעש״טס שטול. מען דערציילט, אַז בשעת די חסידים האָבן אַרויפֿגעלייגט די קרוין אויף ר׳ בערן האָט ר׳ פּנחס זיך געטראָפֿן מיט ר׳ יעקבֿ יוספֿן און אים געזאָגט, מיט אַ שטאָך לגבי ר׳ בערן: מיר איז אַ גרויסער ווונדער, פֿאַר וואָס ס׳איז דער מינהג, אַז בשעת דער קייסער טראָגט נישט די קרוין הענגט מען אויף די קרוין אויף אַ טשוואָק. די קרוין איז דאָך אַזאַ חשובֿע זאַך, אַז דער קייסער אַליין טראָגט זי אויפֿן קאָפּ. פֿאַר וואָס איז מען זיך נישט נוהג, אַז בשעת ער טוט אויס די קרוין זאָל די קרוין טראָגן איינער פֿון די שׂרים און עס זאָל ניט זײַן אַזאַ חילול הכּבֿוד? איז אָבער דער תּירוץ: אַ מענטש, וואָס מען וועט אויף אים אַרויפֿלייגן אויפֿן קאָפּ די קרוין בשעת דער מלך טראָגט זי נישט, קען אַרײַנפֿאַלן אין גאווה און האַלטן בײַ זיך: אָט בין איך אויך ווי אַ מלך. אָבער אַ טשוואָק איז דאָך אַ טויטע זאַך, וועט ער נישט קאָנען זײַן גרויס בײַ זיך.[91]

ר׳ פּנחס האָט נישט אָנערקענט דעם מגיד פֿון מעזריטש ווי דעם מנהיג הדור. ער האָט קיין סך פֿון זײַן דרך אין חסידות נישט געהאַלטן און ער האָט אויך נישט געהאַלטן פֿון דעם אופֿן לעבן זײַנעם. דער בעש״ט איז געווען אַ מענטש וואָס איז שטענדיק געווען מיט מענטשן צוזאַמען, זײַן טיר איז שטענדיק געווען אָפֿן פֿאַר איטלעכן ייִד. חוץ דעם פֿלעגט ער זיך נוהג זײַן ווי אַ פּאַסטעך וואָס פֿלעגט גיין נאָך די שאָף, ער פֿלעגט אַרומפֿאָרן אומעטום כּדי צו זײַן

---

[89] בוצינא דנהורא השלם, ז׳ 9.

[90] כּ״י סינסינאַטי, נב, ב.

[91] גוטמן, ר׳ פּנחס מקוריץ, 1; אַ געדעכעניש פֿון דער מחלוקת צווישן ר׳ יעקבֿ יוספֿן און אַנדערע חסידים וועגן דעם, ווי אַזוי צו טײַטשן ווי ס׳געהער צו זײַן דעם בעש״טס תּורה, איז אויפֿגעהיט אינעם סדר הדורות החדש, א, לד.

בײַ זײַנע מקורבֿים. דער רבי ר׳ בער איז געווען אַ שלאָפֿער מענטש.[92] ער איז געווען שטענדיק פֿאַרשפּאַרט אין צימער און פֿלעגט זיך זעען מיט די חסידים מערניט איין מאָל אַ וואָך. דער דאָזיקער גאַנג האָט נישט נושׂא חן געווען בײַ ר׳ פּנחסן אין די אויגן. ער האָט געזאָגט: „וואָס וועט דיר העלפֿן דער מגיד פֿון מעזריטש, ער איז דאָך אַ פּרוש פֿון אַ סך יאָרן". אין שײַכות מיט דעם וואָרט האָט ר׳ פּנחסעס אַ תּלמיד געזאָגט אויף אַן אַנדער צדיק: דערפֿאַר וואָס ער קאָן נישט עסן און זײַן אויסגעמישט מיט מענטשן קען ער זײַ אויך נישט טאָן קיין טובֿה אין דער נשמה.[93] אין אַ קריטישן מאָמענט, ווען ר׳ פּנחס האָט גע־דאַרפֿט האָבן העכערע הילף כּדי מבֿטל צו זײַן אַ גזרה אויף דעם לאַנד פּוילן, האָט ער באַדויערט, וואָס ר׳ נחמן האָראָדענקער האָט פֿאַרלאָזט דאָס לאַנד און עס געפֿינט זיך נישט אין זײַן צײַט אַן אַנדער גדול, וואָס ער זאָל זיך קאָנען אויף אים שטיצן. און דאָס איז געווען בשעת דער מגיד האָט געלעבט.[94]

## ר׳ פּנחסעס דרך און ר׳ בערס דרך

ר׳ פּנחס האָט געפֿילט, אַז זײַן וועג איז נישט דער וועג פֿון מגיד. דער מגיד האָט אַרײַנגעבראַכט די שיטה פֿונעם אַר״י אין דעם בעש״טס תּורה, און ער פֿלעגט לערנען מיט זײַנע תּלמידים די סודות פֿון קבלה, פּירושים אויף דעם אַר״י און כּוונות אין יחודים.[95] דער מגיד האָט געלערנט זײַנע תּלמידים, אַז דער עיקר עבֿודה איז דבֿקות און התלהבֿות.[96] זײַן באַהאַפֿטן אין עקסטאַז מיט גאָט.[97] דער וועג צו דבֿקות פֿירט אָבער דורך חכמה און מעדיטאַציע (התבוננות).[98] מען דאַרף זיך ערשט באַהעפֿטן צו דער העכערער חכמה,[99] וואָרעם אַלע זאַכן אין דער וועלט נעמען זיך פֿון „חכמה".[100]

דער דאָזיקער גאַנג איז געוואָרן שפּעטער פֿאַרשפּרייט דורך דעם תּלמיד

[92] ר׳ בער איז געווען קראַנק, ווען ער איז צום ערשטן מאָל געקומען צום בעש״ט, שבחי בעש״ט, יא, א.

[93] כּ״י סינסינאַטי, פּז, א.

[94] זען הײַטער, ז׳ 44־45.

[95] „בדבריו הקדושים רמוזים הבנת כמה מאמרים מעץ חיים וכוונות האר״י", מגיד דבריו ליעקב, אַסטרע תּקנה, הקדמה; זען ויכוחא רבה, מונקאַטש, כה, א. „פעם אחת היה הרב [ר׳ בער] מוכיח לאחד על מה שדרש קבלה ברבים, והשיב לו האיש: מפני מה מר דורש גם כן קבלה ברבים? והשיב לו הרב: אני לומד את העולם שיבינו שבעולם הזה ובאדם [נמצאים] גם כן כל הדברים הנאמרים בספר עץ חיים, אבל מר דורש כל הדברים ככתבן בעץ חיים, אם כן אתם עושים מרוחניות גשמיות, שאין הפה יכול לדבר למעלה בעולם הרוחני", אמרי צדיקים, 86.

[96] אור תורה, לובלין תּרע, ז׳ 50.

[97] אור האמת, ג, א.

[98] אור האמת, לה.

[99] מגיד דבריו ליעקב, ד, א.

[100] מגיד דבריו ליעקב, יא, ב.

פֿונעם מגיד, ר׳ שניאור זלמן לאַדיער, וואָס האָט געלערנט, אַז דער עיקר איז התבוננות, אינטעלעקטועלע מעדיטאַציע וועגן גאָט, און ס׳איז נישט מיגלעך מורא צו האָבן פֿאַר גאָט אָן התבוננות.[101]

פֿאַרקערט, ר׳ פנחס האָט קריטיקירט די וואָס ווילן דווקא הערן סודות פֿון דער תורה און שפּירן נישט, אַז ס׳איז אַ פּחד צו הערן מער ווי מען איז ראוי.[102] „זאָל אַ מענטש זיך נישט צו פֿיל מאַטערן משׂיג צו זײַן העכערע השׂגות, זאָל ער דינען גאָט אין תמימות; אויב ער איז ראוי צו אַזעלכע השׂגות וועט די השׂגה ממילא קומען צו אים. ס׳האָט פּאַסירט אַ מאָל, אַז עמעצער האָט מתפּלל געווען משׂיג צו זײַן רוח הקודש, און געבעט קען לכל הפּחות פּועלן אַ העלפֿט, האָט ער דערגרייכט רוח, אָבער אָן קדושה״.[103] ר׳ פנחס האָט זייער מקפּיד געווען, אַז אַ מענטש זאָל ניט גיין לויט מענטשלעכע חכמות, ווײַל אַזאַ חכמה דערווײַטערט אַ מענטשן פֿון השי״ת. אין דער צײַט ווען עס זײַנען פֿאַרשפּרייט געוואָרן „חכמות״ איז געוואָרן צוגענומען דער רוח הקודש.[104] דער־פֿאַר האָט ר׳ פנחס אויסגעמיטן צו דרשענען עפֿנטלעך וועגן סתרי תורה.[105] אַנ־שטאָט צו לערנען זײַנע תלמידים יחודים און כוונות האָט ער געלערנט מידות: אמת און ענווה. דער עיקר פֿון עבֿודה איז צו רייניקן די מידות. פֿון די תלמידים האָט ער קודם פֿאַרלאַנגט סור מרע — אַוועקוואַרפֿן די שלעכטע מידות — און דערנאָך ועשׂה טובֿ — אָננעמען גוטע מידות. און ר׳ רפֿאל, ר׳ פנחסעס תלמיד, האָט אַזוי אויסגעטײַטשט דעם חילוק צווישן די צוויי שיטות. פֿאַראַן צוויי וועגן אין עבֿודת השם: שטאַרק היטן זיך פֿון שלעכטע מידות און זיי אויסראָטן, און ממילא וועט מען שוין זוכה זײַן צו דבֿקות; דאָס איז דער וועג פֿון ר׳ פנחסן. און דער צווייטער וועג איז דער וועג פֿון ר׳ שניאור זלמנען וואָס איז געווען זייער נאָענט צום וועג פֿונעם מגיד: שטענדיק מעדיטירן וועגן דער גרויסקייט פֿון גאָט און זיך פֿלײַסן צוצוקומען צו דבֿקות, און ממילא וועט דאָס שלעכטע בטל ווערן. דער ערשטער וועג קען ווערן סימבאָליזירט מיט „אָרור המן״, דער צווייטער וועג קאָן ווערן סימבאָליזירט מיט „ברוך מרדכי״.[106]

ר׳ פנחס האָט נישט געהאַלטן פֿונעם וועג פֿונעם מגיד, און אין מעזריטש ווידער האָט מען נישט געהאַלטן פֿון ר׳ פנחסן. פֿאַראַן אַ קבלה בײַ חסידים, אַז אויפֿן וועג קיין מעזריטש בשעת זײַן צווייטן וויזיט איז ר׳ שניאור זלמן געווען אין קאָריץ. האָט אים ר׳ פנחס אויפֿגענומען מיט גרויס ליבשאַפֿט און אים צוגערעדט צו בלײַבן, און ער וועט מיט אים לערנען די שפּראַך פֿון פֿייגל

---

[101] ר׳ שניאור זלמנס בריוו צו ר׳ אַבֿרהם קאַליסקער, זען טייטלבוים, הרב מלאדי, א, 234; פֿ״גל לקוטי תורה, במדבר, א.

[102] נר ישראל, „לקוטים מהרב ר׳ פנחס מקאריץ,״ יב.

[103] גוטמן, ר׳ פנחס מקוריץ, כב.

[104] מדרש פנחס, ז׳ 82.

[105] לקוטים יקרים, לעמבערג, תקנב; מדרש פנחס, 25.

[106] כ״י סינסינאַטי, פז, א.

(שיחת עופֿות) און אַ סך הויכע מדרגות. ר׳ שניאור זלמן איז ווײַזט אויס געווען אַ שטיק צײַט אין קאָריץ.[107] אָבער ער האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן דעם וועג פֿונעם מגיד. אַז ער איז שפּעטער אָנגעקומען קיין מעזריטש האָט אים דער מגיד געזאָגט: ר׳ פּנחס האָט מיט דיר געוואָלט לערנען שיחת עופֿות און אַנדערע מדרגות, איך וועל מיט דיר לערנען הויכע יחודים.[108]

מען דערציילט, אַז בשעת דער מלאך (ר׳ אַבֿרהם, דער זון פֿון דעם מגיד רבי ר׳ בער) איז געפֿאָרן באַלייטן ר׳ שניאור זלמנען, האָט ער אים געזאָגט: פּאר, פּאר, קוק ניט אויף דיא פֿערד. דערמיט האָט ער געמיינט אָט וואָס: „ר׳ פּנחס איז געווען אַ גרויסער עניו און אויך אַ גרויסער איש אמת און האָט געאַרבעט אויפֿן אמת אַ סך יאָרן, האָט ער ערשט געוואָלט פֿאַרטרײַבן דעם חושך אין גאַנצן און דערנאָך אַרײַנברענגען דעם אור [די ליכטיקייט]. דערפֿאַר האָט ער געהאַט ווייניק חסידים, ווײַל נישט יעדערער קאָן זוכה זײַן צו פֿאַרטרײַבן דעם חושך אין גאַנצן. צו דעם האָט אים ר׳ אַבֿרהם געגעבן אַ רמז אויף אַן אַנדער וועג, אַז ער זאָל נישט קוקן אויף די פֿערד נאָר אַרײַנברענגען אור דורך אַ סך תורה. אַ ביסעלע אור פֿאַרטרײַבט אַ סך חושך״.[109] און ר׳ שניאור זלמנס אַן אייניקל האָט געזאָגט: דערפֿאַר רופֿט מען אונדז חב״דניקעס וואָרעם דער עיקר אַרבעט אונדזערע איז אַרײַנצוברענגען העכערע השׂגות („מוחין״) אין חסידים און נישט אַזוי מדקדק זײַן אויף מידות.[110]

דער מגיד, דערציילט מען, האָט, ניט געקוקט אויף אַלע חלוקי־דעות, זייער מכבד געווען ר׳ פּנחסן און האָט למשל געהאַלטן מיט אים אין זײַן אָפּאָזיציע צום אַנטלויפֿן, ווען ייִדן האָבן געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון אוקראַיִנע בשעת די גזרות גאָנטע אין יאָר 1768.[111] מען דערציילט, אַז איין מאָל האָט דער מגיד געוואַרט אויף קידוש לבֿנה. ער איז געווען זייער קראַנק און זײַן בעטל איז געשטאַנען אין בית־מדרש, האָט ער געזאָגט צו זײַנע מקורבֿים: וווּנדערט זיך נישט, וואָס איך האָב געוואַרט, ר׳ פּנחס שטייט אין קאָריץ און זײַן געבעט שפּאַלט הימלען.[112] ר׳ בער האָט געהאַלטן דאָס מגידות פֿון מעזריטש און קאָריץ, בשעת ר׳ פּנחס

---

[107] מען דערציילט, אַז ר׳ שניאור זלמן האָט מקבל געווען פֿון ר׳ פּנחסן אַ סך זאַכן און ער האָט געזאָגט: „די מידה פֿון אמת און פֿון שיפֿלות האָב איך מקבל געווען פֿון ר׳ פּנחס קאָריצער״, טייטלבוים, הרב מלאדי, א, ז׳ 9. פֿון ר׳ פּנחסעס שמועס מיטן ווײַב האָט ר׳ שניאור זלמן מקבל געווען דעם תּוכן פֿונעם דרוש אויף „מה יפו פעמיך בנעלים״, וואָס איז געדרוקט אין זײַן ספֿר לקוטי תורה, בית רבי, א, סב, א. נאָך אַ מסורה דערציילט, אַז ר׳ פּנחס האָט אים געגעבן צו פֿאַרשטיין אַ מדרש, וואָס שפּעטער איז אים דאָס צו נוץ געקומען, בית פנחס, ג.

[108] בית רבי, א, ג, ב.

[109] בית רבי, א, מד, ב.

[110] בית רבי, א, מד, א.

[111] זען חײַסער, ז׳ 42־43.

[112] כּ״י כתבי קודש, ח״י א, ב. אין אַן אַנדער נוסח: גוטמן, ר׳ פּנחס מקוריץ, יד.

האָט געוווינט אין קאָריץ,[113] אָבער ס׳איז ניט באַקאַנט, צי זיי זײַנען געווען צוזאַמען אין קאָריץ אין דער זעלבער צײַט.[114]

לויט אַן אַנדער לעגענדע איז ר׳ פּנחס אַ מאָל געווען בײַם מגיד און אַפילו געווען בײַ אים בײַם טיש. וואָרעם אין זײַן גרויסער עניוות האָט ער נישט גע־וואָלט פּראָווען טיש פֿאַר זיך.[115] לויט נאָך אַן אַנדער דערציילונג זײַנען אַ מאָל דעם מגידס פֿרוי און קינדער שלאָף געוואָרן, האָט דער מגיד געשיקט נאָך ר׳ פּנחסן. אַז ער איז געקומען קיין מעזריטש און ער איז אַרײַן אין מגידס הויז האָט ער געזאָגט: „דאָ איז פֿאַראַן אַ סך דינים״ און האָט געהייסן אַרײַנטראָגן אַלע קראַנקע אין איין צימער. ר׳ פּנחס האָט אויף זיי מתפּלל געווען. דעם מגידס רביצין איז געווען אין אַן אַנדער צימער און מען האָט פֿאַרגעסן זי אַרײַנצוטראָגן. זײַנען אַלע אויסגעהיילט געוואָרן אַחוץ די פֿרוי פֿונעם מגיד — זי איז אַוועק פֿון דער וועלט.[116] זי האָט זיך ווײַזט אויס געפֿעלט אַ סך יאָרן פֿאַר דעם יאָר תּקלג (1773), דאָס יאָר ווען דער מגיד איז נסתּלק געוואָרן.[117]

חסידים האָבן שוין דעמאָלט געהאַט אַ טבֿע צו הייבן אין הימל אַרײַן זייער רבין, און אָפֿט אַפֿילו אויפֿן חשבון פֿון אַנדערע צדיקים. ווען דעם מגידס חסידים האָבן אויך אַזוי געטאָן, האָט דאָס ווײַזט אויס גורם געווען חולשת־הדעת ר׳ פּנחסן. ער האָט אַ מאָל געהערט, אַז די וועלט זאָגט אויפֿן מגיד,[118] אַז ער האָט אויפֿגעהויבן דאַווענען, האָט ר׳ פּנחס געזאָגט: „איך האָב אויפֿגעהויבן דאַווענען״.[119] זײַנע מקורבֿים האָבן געוווּסט וועגן די רײַבונגען צווישן זייער רבין און ר׳ בערן און פֿלעגן נישט ריידן קיין סך וועגן אים פֿאַר ר׳ פּנחסן. אָבער אין קאָריץ איז געווען אַ שוטה, האָט ער דערציילט ר׳ פּנחסן, אַז די וועלט זאָגט אין נאָמען פֿונעם מגיד: „ווער עס וויל מבֿטל זײַן דינים זאָל פֿאַרענדיקן גאַנץ תּהילים״. האָט ר׳ פּנחס געזאָגט: „איך האָב דאָס געזאָגט״.[120]

---

[113] זען ר׳ בערס הסכּמה אויף ר׳ טאָדרעס ראַוונערס ספֿר הלכה פּסוקה, טורקע, תּקכּה; דאָרטן חתמעט ער זיך: „הק׳ דוב במהור״ר אברהם זלה״ה מגיד משרים דק״ק מעזריטש גדול וק״ק קאָרץ״. אַן אַנדער מקור געדרוקט בײַ כּהנא, ספר החסידות, ז׳ 162. אין יענער צײַט האָט ר׳ פּנחס געוווינט אין קאָריץ. אין 18טן י״ה האָט זיך מעזריטש גערעכנט אין קאָריצער קרײַז, זען דובנאָוו, געשיכטע פֿון חסידיזם, ז׳ 130.

[114] אפֿשר האָבן זיי ביידע געוווינט אין קאָריץ בשעת ר׳ בער האָט געהאַרט אויף ר׳ פּנחסן, זען אויבן.

[115] אין יענער צײַט איז ר׳ שניאור זלמן געווען אין מעזריטש, בית רבי א, ג, א. זען דאָרטן, ווי אַזוי דער אַר״י האָט זיך באַוויזן צו ר׳ בערן.

[116] דאָס איז אפֿשר געווען בײַם אָנהייב פֿון ר׳ בערס דערהויבן ווערן, מחמת ער האָט געלעבט „בפרישות מן האשה כמה שנים״, מגיד דבריו ליעקב, הקדמה; און נסתּלק געוואָרן איז ער תּקלג (1773).

[117] האָראָדעצקי, תורת המגיד ממזריטש, ס״ו.

[118] לויט ווי ס׳דערציילט דער ספֿר פאר לישרים, יב, א, האָט ר׳ בער אַליין דאָס געזאָגט.

[119] „איך האב אויפגעהויבין דאווינען״, כּ״י סינסינאַטי, מה, א.

[120] כּ״י סינסינאַטי מה, א. אין ספֿר תשואות חן פֿון ר׳ גדליה לוניצער, ויגש, לייענען מיר: „שמעתי מפי החסיד המפורסם המנוח מוהר״ר משולם זוסמאן זללה״ה שבאר... מלת ימלל מלשון מוללין מלילות שהוא ענין פירוד והמתקה, ופי׳ הפסוק מי יכול למלל ולפרד הגבורות:

אונטער דער השפעה פֿונעם מגיד האָט זיך חסידות זייער פֿאַרשפּרייט און אַ סך מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן פֿירן ווי חסידים עפּנטלעך. ר׳ פּנחס האָט כּל ימיו געהאַלטן אין מאָנען עניוות און האָט ניט געהאַלטן, אַז חסידות איז אַ מאַסן־באַוועגונג. ער פֿלעגט זאָגן: „ווער זײַנען מיר, וואָס מיר זאָלן זיך האַלטן פֿאַר חסידים״. די תּלמידים פֿונעם מגיד פֿלעגן ניט לייגן קיין תּפֿילין חול המועד און ר׳ פּנחס האָט געהייסן לייגן תּפֿילין חול המועד [121] און ער האָט ניט געוואָלט מאַכן שמיני עצרת קיין הקפֿות. נאָר טייל מאָל מיט יחידי־סגולה פֿלעגט ער יאָ מאַכן הקפֿות.[122]

די שפּאַנונג אין די באַציִונגען צווישן ר׳ פּנחסן און דעם אַקטיוון און השפּעה־דיקן קרײַז פֿונעם מגיד האָט סוף כּל סוף דערפֿירט צו שאַרפֿע מחלוקתן. ווי אַ רעזולטאַט דערפֿון האָט ר׳ פּנחס געמוזט פֿאַרלאָזן קאָריץ נישט לאַנג פֿאַר 1770.[123]

ווײַזט אויס, אַז ס׳זײַנען דעמאָלט געווען אין קאָריץ, ווו ר׳ בער איז אַ צײַט געווען מגיד, אַ סך חסידים וואָס זײַנען געווען נאָענט צו אים. דער קאָריצער רבֿ ר׳ יצחק אײַזיק, דער איידעם פֿונעם מעזריטשער רבֿ ר׳ צבֿי הירש, איז כּידוע געווען דעם מגידס אַ תּלמיד. אונטער דער השפּעה פֿון דעם מגידס חסידים האָט מען שפּעטער אָנגעהויבן דרוקן אין קאָריץ [124] אַ סך קבלה־ספֿרים, וואָס ביז דעמאָלט פֿלעגט מען זיי זעלטן דרוקן, און קאָריץ איז געוואָרן אין יענער צײַט דער וויכטיקסטער צענטער פֿאַרן דרוק פֿון קבלה־ספֿרים. איבער 99 פּראָצענט פֿון די ספֿרים וואָס זײַנען געדרוקט געוואָרן אין קאָריץ זײַנען קבלה־ספֿרים.[125] צווישן די וואָס האָבן געשטיצט מיט הסכּמות די אַרויסגעבערס פֿון קבלה־ספֿרים האָבן זיך געפֿונען די פֿרײַנד פֿון ר׳ פּנחסן, אָבער ר׳ פּנחס אַליין האָט ווײַזט אויס קיין הסכּמה נישט געגעבן, אפֿשר דערפֿאַר וואָס ער איז געווען קעגן דרוקן זיי. ר׳ פּנחס האָט פֿאַרטריבן אַ סך פֿון דעם מגידס חסידים פֿון זײַן הויז: „ער האָט נישט געקאָנט סובֿל זײַן, אַז מען פֿלעגט מאַכן דעם מגידס תּנועות״.

---

מי שישמיע כל תהלתו, שיאמר כל ספר תהלים בפעם אחת״. אין ספֿר רשפּי אש השלם, אות קנה, פֿון ר׳ מרדכי נעסכיזשער, הערט דאָס געבראַכט אין נאָמען פֿון „רבי זצוק״ל״ (דער זלאָטשעווער מגיד?). ר׳ צבֿי אלימלך דינעווער, אגרא דפרקא, סימן שמ״ח, דערמאָנט סתּם „קבלתי״ און זאָגט ניט פֿון וועמען. אין ספֿר מדרש פנחס, ז׳ 27: „על כמה דברים שצריכים לאדם כמו פרנסה וכדומה או על כמה הרפתקאות צוה לומר כל תהלים מרישא לסיפא בלי שום הפסק, אפילו שלא לומר ה׳יהי רצון׳ בין ספר לספר, רק אחר גמר כל התהלים״. דאָס זעלבע הערט אויך געבראַכט אין נאָמען פֿון ר׳ משה סאַווראַנער, אַז ס׳איז „קבלה מצדיקים״, אסיפת אמרים על תהלים, הקדמה; זען אויך מים רבים, ז׳ 13.

[121] דובר שלום, ז׳ 12.

[122] תורת ר׳ פנחס מקוריץ, רכג. דאָרטן: „מה אנו שמחזיקים עצמנו לחסידים ואנשי מעשה״.

[123] ר׳ פּנחס איז נסתּלק געוואָרן אין תּקן אָדער תּקנא (1790 אָדער 1791) און האָט געוווינט אין אָסטרע „איבער צען יאָר״, ביבער, דצ״ו, ז׳ 211.

[124] די קאָריצער דרוק האָט זיך געגרינדעט אין תּקלו (1776) אָדער פֿריִער, און אַ סך פֿון די וואָס האָבן דאָרטן געדרוקט זײַנען שפּעטער געוואָרן גרינדערס פֿון דרוקערײַען אין אַנדערע שטעט, זען טויבר, מחקרים ביבליוגרפיים, ז׳ 15 א״ו.

[125] טויבר, דאָרטן.

די דאָזיקע מענטשן האָבן געהאַט טענות, אַז ר׳ פּנחס איז חולק אויפֿן מגיד. אינטערעסאַנט איז, אַז ווען ר׳ פּנחס האָט געהערט וועגן די טענות האָט ער זיך געוווּנדערט: „זיי, דעם מגידס מענטשן, זיי האַלטן, אַז איך בין חולק אויפֿן מגיד? ווען איך זאָל אַריינגיין אין זיין מגידות שלייך [שליאַך] און ער זאָל אריין אין מײַנע...״[126]

אין דער שפּיץ פֿון דעם מגידס חסידים, די קנאים וואָס האָבן אָנגעפֿירט מיט די מחלוקתן אויף ר׳ פּנחסן, איז געשטאַנען ר׳ שלמה לויצקער,[127] דער שפּעטערדיקער סקאָלער מגיד וואָס איז באַקאַנט ווי „ר׳ שלמה לויצקער־קאָריצער״.[128] ער איז געווען דעם מגידס אַ קרובֿ,[129] און האָט אַרויסגעגעבן ווערטער פֿון זײַן רבין אין אַ ספֿר לקוטי אמרים, מגיד דבריו ליעקב אין קאָריץ תקמא (1781), וואָס דאָס איז דער וויכטיקסטער קוואַל פֿאַר דעם מגידס תּורה. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן[130] חשובֿע קבלה־ספֿרים און אויך זיך באַנוצט פֿאַר דעם צוועק

---

[126] דער זאַץ ענדיקט זיך מיט „היינו משרפין״, וואָס דער באַטײַט דערפֿון איז ניט קלאָר. אין דעם כּ״י כתבי קודש, ח״ג, ח, א, איז פֿאַראַן אַזאַ נוסח: „הייתי חולק על המגיד:... גיוועןן אריין טרעטין״; באַקומט זיך דער אײַנדרוק, אַז די מחלוקת איז געווען נאָך דעם מגידס פּטירה אין תּקלג. אָבער לויטן נוסח פֿון דער דערציילונג אין כּ״י סינסינאַטי און לויט דער אַסטרער טראַדיציע (זען אויבן, הערה 123) איז דאָס געשען נאָך בײַ ר׳ בערס לעבן. דער שרײַבער פֿון די צוויי כּתבֿ־ידן האָט דאָס געהערט פֿון אַן „איש זקן מקאָרעץ, ר׳ יצחק ב״ר שלמה, שנקרא בעירו ר׳ יצחק גלייזור״; ער האָט גוט געקענט ר׳ פּנחסן און האָט יעמאָלט געוווינט אין קאָריץ און אין זומער תּקפּז געווען אַ גאַסט בײַ ר׳ רפֿאל בערשאַדער. נאָך אַ סיבה פֿאַר ר׳ פּנחסן אַוועקצוגיין פֿון קאָריץ איז געווען „מחלוקה גדולה בענין שוחטים. וזה היה מחמת קנאה, שר׳ משה בן ר׳ פּנחס היה לו חלק בשאפי שהוא מקום להשתכר בו ולשחוט אחד בעיר ולא זולתו, עם שותפים״, כּ״י כתבי קודש, דאָרטן. ס׳איז אָבער קלאָר, אַז דער ענין שחיטה איז געווען בלויז אַ זײַטיקע זאַך, וואָרעם ר׳ משה, וואָס איבער אים האָט זיך אויפֿגעוועקט די קינאה, איז געבליבן אין קאָריץ אַפֿילו נאָך דעם ווי זײַן פֿאָטער איז אַוועק פֿון שטאָט (ע״פּ כּ״י סינסינאַטי). דאָס וואָס אבן שתיה, יס, דערציילט, אַז ר׳ פּנחס איז אַוועק פֿון קאָריץ איבער אַ מגפֿה ווערט אָפּגעפֿרעגט דורך די ווערטער פֿון אַן עד ראיה און דורך דער מסורה אין ר׳ פּנחסעס משפּחה (זען הערה 127).

[127] לויט דער קבלה אין ר׳ פּנחסעס משפּחה, מזכרת לגדולי אוסטרהא, ז׳ 211, איז ר׳ שלמהס אײדעם און שותּף אין דער פּריצקער דרוק געווען ר׳ אַבֿרהם בר׳ יצחק אײַזיק פֿון קאָריץ. ר׳ יצחק אײַזיק דער קאָריצער רבֿ שרײַבט אויף ר׳ שלמהן: „אהובי ידידי וחביבי הרבני המופלג בתורה וביראה החכם השלם הותיק והחסיד... רב פעלים מקבצאל״ הסכמה על המצות, פּריצק תקמו.

[128] ר׳ יעקבֿ יצחק פֿון לובלין אין זײַן הסכמה אויפֿן ספֿר דברת שלמה.

[129] מגיד דבריו ליעקב, הקדמה; דברת שלמה, בלק. מען דערציילט, אַז ר׳ שלמה פֿלעגט האָבן די זכיה צוצוגרייטן די צוועלף חלות אויפֿן מגידס טיש. זײַן תּלמיד ר׳ שלום בעלזער פֿלעגט זאָגן: „איך בין דער דריטער נאָכן בעש״ט, וואָרעם מײַן רבי ר׳ שלמה איז געווען דעם מגידס אַ תּלמיד״. ר׳ שלמה איז ניפֿטר געוואָרן אין תּקעג (1813) אין סקאָל, זען דברי שלום, ז׳ 12.

[130] אין דער הקדמה צום ספֿר מגיד דבריו ליעקב דערמאָנט ר׳ שלמה, אַז אין אײנעם מיט זײַן שותּף ר׳ שמעונען האָט ער אַרויסגעגעבן דעם זוהר (תּקלח), תקוני זוהר (תּקם), ספר יצירה (תּקלט), שושן סודות (תּקמד). אין אָט דער הקדמה חתמעט ער זיך: „שלמה מלויצק ולעת עתה מתגורר פה ק״ק קאָריץ״. אין תּקמו האָט ער צוזאַמען מיט זײַן אײדעם

מיט דער וויכטיקער זאַמלונג פֿון כּתבֿי יד אין קבלה, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפֿונען אין מעזריטשער בית־מדרש.[131] דורך ר׳ שלמהס באַמיִונגען זײַנען דעמאָלט אַרויס די צוויי ערשטע חסידישע ספֿרים, תולדות יעקב יוסף (קאָריץ תּקם), און בן פורת יוסף (קאָריץ תּקמא).[132]

ר׳ שלמה איז געווען באַרימט מיט זײַן קנאָיִשער איבערגעגעבנקייט צו זײַן רבין:[133] פֿון אים האָט ער געלערנט „אַלע עיקרים און אַלע וואָרצלען אין התנהגות און עבֿודה און ער האָט זיך פֿון זיי ניט אָפּגענייגט ניט אויף רעכטס און ניט אויף לינקס, און ער האָט נאָכגעטאָן אַלצדינג, גרויס און קליין, ווי ס׳איז באַקאַנט״.[134] נישט נאָר מיט ר׳ פּנחסן האָט ער געפֿירט מחלוקתן. אויף די על־טערע יאָרן האָט ער געהאַט אַ מהלוקת מיט די תּלמידים פֿון זלאָטשעווער מגיד, און ר׳ משה לייב סאַסאָווער האָט געשריבן אַ בריוו כּדי אײַנצושטילן די מחלוקת.[135]

מיט דעם קאָנפֿליקט צווישן ר׳ שלמהן און ר׳ פּנחסן האָט זיך די פּאָלעמיק וועגן דעם מעזריטשער מגידס דרך נישט פֿאַרענדיקט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז אויך געגאַנגען דער קאָנפֿליקט צווישן דעם פּאָעטישן, פֿאָלקסטימ־לעכן דרך פֿון די אוקראַיִנישע צדיקים און צווישן דער לומדישער ספּעקולאַ־טיווער און אַריסטאָקראַטישער חסידות, למשל אין דער באַרימטער התנגדות פֿון ר׳ ברוך מעזשבוזשער, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געהאַלטן פֿון ר׳ פּנחסן און פֿון ר׳ יעקבֿ יוספֿן,[136] צו ר׳ שניאור זלמן לאַדיִער[137] און צו ר׳ לוי יצחק

---

און נאָך אַ שותּף געגרינדעט אַ דרוקערײַ אין פּריצק וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז תּקמח. דאָרטן האָט ער אָפּגעדרוקט 5 ספֿרים, זען יערי, קרית ספר, כ, ז׳ 102.

[131] „בין הכתבים כתבי קודש מהאר״י זלה״ה שישנם פה קהלתנו יצ״ו בביהמ״ד מקובצים כתבים מכתבים שונים על ידי המהדרין מן המהדרין שהיו פה קהלתנו יצ״ו מאז ומקדם כידוע לכל יודעי שער עירנו ת״ל. מה גם ספר הקדוש הלזה ידוע על פי זקנינו אמרו לנו שכמה יגיעות יגע אותו צדיק ה״ה הרב המופלג החסיד המנוח מו׳ מרדכי זלה״ה שהיה מגיד מישרים פה קהלתנו יצ״ו״, מחברת הקודש, קאָריץ, תּקמג. ביז יעמאָלט פֿלעגט מען זיך אָפּהאַלטן פֿון פֿאַרשפּרייטן קבלה־ספֿרים. דאָס וואָס די צוויי האָבן זיי יאָ געדרוקט איז געווען די השפּעה פֿונעם מגיד און זײַנע תּלמידים.

[132] אין ספֿר מגיד דבריו ליעקב, אין דער הקדמה, דערמאָנט ער, אַז ער האָט אַרויסגעגעבן בן פורת יוסף; אין דער אויסגאַבע פֿונעם ספֿר וואָס מיר האָבן פֿאַר זיך ווערט ער ווי דער אַרויס־געבער ניט דערמאָנט.

[133] ווען ר׳ שלמה איז געוואָרן מגיד אין סקאָל איז דאָרטן געווען אַ רבֿ אַ מתנגד וואָס האָט געדאַוונט ע״פּ נוסח אַשכּנז און געלייגט תּפֿילין אום חול־המועד. „בחול המועד הראשון לבואו שמה יראו מאד המקורבים של ר׳ שלמה לבל יפרוץ ריב וקסטה ביניהם״, דובר שלום, ז׳ 12.

[134] סדר הדורות החדש, אות יוד.

[135] בײַם סוף פֿון ספֿר לקוטי רמ״ל.

[136] ר׳ ברוך איז אויסגעוואַקסן אין ר׳ פּנחסעס הויז אין אָסטרע (בוצינא דנהורא השלם, ז׳ 9), און אין דעם ספֿר ווערן אַזוי איבערגעגעבן זײַנע ווערטער: „ולמהוי אנא פקידא בגו צדיקיא, רבש״ע יהי אנכי נמנה בין הצדיקים. איך מיין ניט זיי [די באַרימטע צדיקים פֿון זײַן צײַט], איך מיין עם הרב ר׳ פּנחס מאוסטרהא ועם הרב מפולנאה״ (דאָרטן, ז׳ 12).

[137] אין דעם זעלביקן ספֿר ווערט איבערגעגעבן אין נאָמען פֿון ר׳ ליפּע כמעלניקער,

בערדיטשעווער;[138] אָדער אין דער פּאָלעמיק צווישן ר׳ אַבֿרהם קאַליסקער און ר׳ שניאור זלמנען[139] און אויך אין די טענות פֿון ר׳ אָשר סטאָלינער, דעם תּלמיד פֿון ר׳ שלמה קאָרלינער, קעגן חב״ד.[140]

פֿון דער אַנדערער זײַט איז ר׳ שלמה ניט געווען דער איינציקער וואָס האָט געהאַט טענות צו ר׳ פּנחסעס דרך. „אַ סך מענטשן פֿלעגן אַוועקגיין פֿון ר׳ פּנחסן מיט קשיות“.[141] לויט ווי עס דערציילט ר׳ זוסיא אַנעפּאָליער וואָס איז געשטאַנען אין נאָענטע באַציִונגען מיט ר׳ פּנחסן[142] „האָבן געוויסע צדיקים חולק געווען אויף ר׳ פּנחסן“. זיי האָבן געזאָגט אויף אים, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין „הכנות צום דאַווענען“. די נעמען פֿון די דאָזיקע צדיקים ווערן נישט דערמאָנט, אָבער אויב מען זאָל צונויפֿנעמען די פֿאַרשיידענע סימנים וואָס האָבן זיך דערהאַלטן קאָנען מיר משער זײַן, אַז דאָס זײַנען געווען צדיקים פֿון דעם מגידס חדר. צווישן זיי איז געווען אויך ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער וואָס האָט נישט געוואָלט הערן, ווען מען האָט אַ מאָל דערמאָנט פֿאַר אים אין איין אָטעם די נעמען פֿון מעזריטשער מגיד און ר׳ פּנחס קאָריצער.[143]

---

אַז די מחלוקת צווישן ר׳ ברוכן און ר׳ שניאור זלמנען איז געווען „פלוגתת רבן גמליאל ור׳ אליעזר בן עזריה שרבן גמליאל היה מכריז כל תלמיד שאין תוכו כברו אל יכנס, וראב״ע סלק לשומר הפתח ונתן רשות לכל התלמידים להכנס“, בוצינא דנהורא השלם, ז׳ 22.

[138] דאָרטן, ז׳ 25.

[139] ר׳ אַבֿרהם קאַליסקער האָט געמוסרט ר׳ שניאור זלמנען, הלמאַי ער האָט זיך נוהג געווען „להלביש דברי הרה״ק הבעש״ט בתוך דברי קדוש האר״י ז״ל“. אויפֿן תניא וואָס ר׳ שניאור זלמן האָט אָפּגעדרוקט האָט ר׳ אַבֿרהם געשריבן: „ולא מצאתי בו תועלת כל כך להצלת נפשות... רבותינו היו נשמרים ונזהרים מאד בדבריהם שלא להשמיע לרוב החסידים. ורובם ככולם, כ״א בדרך מוסר ולהכניסם בברית אמונת חכמים“. בײַ ר׳ אַבֿרהמען איז דער עיקר געווען ווייכער צו מאַכן די מידות. פֿאַרשפּרייטן די סודות פֿון קבלה קען ברענגען צו שטרויכלונג. „רבוי השמן בנר הוא ח״ו סבה לכבותו... למה זה מחיר ביד כסיל לקנות חכמה ולב אין“, קרית ספר, א, ז׳ 144 א״וו.

[140] דובנאָוו, געשיכטע פֿון חסידיזם, 481.

[141] כּ״י סינסינאַטי, מו, א.

[142] ר׳ זוסיא איז געווען בײַ ר׳ פּנחסן מער ווי איין מאָל, כּ״י סינסינאַטי; דברי אלימלך, רמזי אסרו חג (ע״פ מנורת זהב, ז׳ 62).

[143] „כשנפטר בנו של ר׳ לוי יצחק מברדיטשוב, ר׳ מאיר, התאבל עליו אביו מאד. נכנסו ר׳ אברהם יוסף מחאסיעוואטע ור׳ אברהם ליב הדיין מטפליק לנחמו. ספר ר׳ אברהם יוסף להרב מברדיטשוב: כשנודע להמגיד ממזריטש שנפטר הר״ר מיכלי חברו של הר״ר זאב אמר: כשצריך להשפיע בעולם אין טוב להתאבל. וכשנודע לר׳ פנחס מקוריץ... וכששמע הרב מברדיטשוב שרוצה לספר מר׳ פנחס, צווה בקול גדול: שא, שא, שא. והתרעם ר׳ אברהם ליב ואמר לר׳ אברהם יוסף: מה הוצרכת לספר על ר׳ פנחס? היה לך לשתוק. ואחר כך אמר לו הרב מברדיטשוב: פר שטייטשו שערצע, כשספרת תחלה מרבי שלי, האיך אני יכול לשמוע מצדיק אחר? ואף על פי כן, ספר לי על ר׳ פנחס מאחר שהתחלת לספר. ואמר לו ר׳ אברהם יוסף: ר׳ פנחס אמר משל על זה: כשיש מלחמה ונעדר גבור אחד במלחמה אין משגיחין להתעסק בגבור, מחמת המלחמה, אף על פי שגבור היה. ואמר הרב מברדיטשוב: אמת הדבר כי המגיד שמע את הבשורה אחרי השבעה, ומשום כן אמר המגיד מה שאמר, אבל אני עכשיו בתוך שבעה דדין תורה שצריך להתאבל אפילו לטעמים הנ״ל“. כּ״י כתבי קודש, ח״ח, ו, ב. ר׳ מיכלע וואָס ווערט דאָ דערמאַנט איז געווען ניט דער זלאָטשעווער מגיד, וואָרעם יענער איז

דער מעזריטשער מגיד האָט געלערנט, אַז גוט עכט געדאַוונט איז נאָר ווען מען דאַווענט מיט התלהבֿות. ווען אַ מענטש דאַווענט מיט „חשק און התלהבֿות" רוט די שכינה אויף אים; אויב ער דאַווענט אָן התלהבֿות רוט זי נישט אויף אים."[144] וואָרעם פֿון דעם וואָס אַ מענטש טוט אַ מיצווה דאָ אויף דער וועלט ווערט דער־וועקט אַ גרויסער תּענוג אין יענער וועלט. אָבער דאָס איז אַ כּלל גדול, אַז „מען דאַרף האָבן אונטן גרויסע התלהבֿות פֿון זײַן אייגענעם תּענוג כּדי צו קאָנען גורם זײַן תּענוג אויף יענער וועלט".[145] פֿון דאַנען דרינגט אַרויס, אַז בײַם דאַ־ווענען „דאַרף מען אַרײַנלייגן אַלע כּוחות אין די דיבורים און אַזוי שטײַגן פֿון איין אות צום צווייטן, ביז מען פֿאַרגעסט אין גאַנצן אין גשמיות".[146] דעם וועג פֿון התלהבֿות האָבן אָנגענומען אַ סך פֿון דעם מגידס תּלמידים און ספּעציעל ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער וואָס פֿלעגט דאַווענען

> מיט אַזאַ פּחד און ציטערן, אַז ער פֿלעגט נישט קאָנען אײַנשטיין אויף אָן אָרט צוליב פּחד. אָט איז ער געווען אין איין עק חדר און אין אַ רגע אַרום איז ער געווען אין אַנדערן עק. און בײַ די וואָס זײַנען גע־שטאַנען דערבײַ בשעת זײַן דאַווענען פֿלעגן די האָר זיך שטעלן קאַפּויער און זייערע הערצער פֿלעגן צעגאָסן ווערן, און די קרומקייטן פֿון זייער האַרץ פֿלעגן אויסגעגלײַכט ווערן פֿון זײַן קול.[147]

כּדי צו קומען צו אַ צושטאַנד פֿון אַזאַ התלהבֿות פֿלעגן זיי זיך אָפּגעבן אַ סך מיט הכּנות; זיי האָבן געגלייבט, אַז אָן אינעווייניקסטער צוגרייטונג פֿון דער נשמה

---

ניפֿטר געוואָרן, לויט ווי מען גלייבט, כ״ו אלול תּקמו. און אפֿשר איז עס דער, וועגן וועמען עס רעדט זיך אין די פֿאַרצייכענונגען פֿון ר׳ שלמה סאַדעגערער (קצח, ב): „לר׳ זאב [זשיטאָ־מירער, דער מחבר פֿון אור המאיר] היה חבר אחד שהיה צדיק גדול שנפטר בימי עלומיו. פעם אחת היו [שניהם] אצל המגיד ושמעו תורה מפיו, ואחר כך נסעו הביתה. זה היה בקיץ, וירדו מן העגלה וצוו לבעל העגלה לנסוע אחריהם. זה היה אחרי הצהרים ושניהם התחילו לחזור על דברי רבם, וכל כך נשקעו בשיחתם עד שלא הרגישו שבא הערב ואחר כך הבוקר. והשעה היתה שעת עשר בבוקר והם עדיין הלכו ושחחו. עד שבא עליהם בעל העגלה ואמר להם: מנחה לא התפללתם, מעריב לא התפללתם. האם גם שחרית לא תתפללו?"

[144] מגיד דבריו ליעקב, אָסטרע, תּקנד, ס, ב. — מען דערציילט, אַז ר׳ וואָלף זשיטאָמירער האָט געבראַכט זײַן ספֿר צו ר׳ פּנחסעס זון און געבעטן, ער זאָל דאָס אָפּדרוקן. יענער האָט געקוקט אין דעם ספֿר אַ גאַנצע נאַכט און זיך אָפּגעזאָגט עס צו דרוקן. ער האָט אַזוי גע־זאָגט צו ר׳ וואָלפֿן: מיר ווייסן, אַז איר האָט מער געלערנט פֿון מײַן טאַטן איידער פֿונעם מגיד; אין דעם מגיד דערמאָנט איר אַ סך מאָל און דעם טאַטנס נאָמען איז אין ספֿר בכלל נישט דערמאָנט געוואָרן (געהערט פֿון מאָנסטרישטשער רבין אין ניו־יאָרק). ס׳איז שווער צו באַ־שליסן, צי די דערציילונג איז פּינקטלעך, וואָרעם דער אור המאיר איז צום ערשטן אָפּגעדרוקט אין קאָריץ תּקנח, און ר׳ משה שפּיראָ, ר׳ פּנחסעס זון, האָט געעפֿנט זײַן דרוק אין סלאַוווטע מיט צען יאָר שפּעטער. זײַן ברודער ר׳ יחזקאל האָט זיך פֿאַרנומען מיט אַרויסגעבן ספֿרים נאָך אין תּקנב (פֿרידבערג, תולדות הדפוס העברי בפולניה, ז׳ 77). על כּל פּנים האָט זיך אָבער אין דער דערציילונג אָפּגעשפּיגלט דער קאָנפֿליקט צווישן ר׳ וואָלפֿן און ר׳ פּנחסעס משפּחה.

[145] מגיד דבריו ליעקב, כ, א.

[146] דאָרטן, יא, א.

[147] סדר הדורות החדש, ב, כה; זען שני המאורות, ז׳ 96.

איז נישט מיגלעך אַרויפֿצונעמען די קדושה וואָס קומט אויף אַ מענטשן פֿון אויבן, וואָרעם די „דערוועקונג אונטן" מוז גיין פֿריִער פֿאַר דער „דערוועקונג פֿון אויבן". און טאַקע צוליב דעם וואָס די הכנה איז אַזוי חשובֿ איז מען געווען גרייט אָפּצוגעבן אַ סך צײַט דערויף, און צוליב דעם פֿלעגט מען אויך אָפֿט פֿאַר־שפּעטיקן דעם זמן תּפֿילה.

ר׳ פּנחס, פֿאַרקערט, האָט ניט געהאַלטן פֿון די מענטשן וואָס דאַווענען מיט גרויס כּוח, מיט גוואַלדיקער אָנשטרענגונג און מיט הויכע קולות. אַ מענטש דאַרף קודם כּל וואַרטן און זען, צי מען גיט אים די תּפֿילה אַ מתּנה צי נישט. ער האָט דערציילט, אַז ס׳איז אַ מאָל צו אים געקומען איינער אַ מענטש וואָס האָט זיך באַקלאָגט פֿאַר אים, אַז ער האָט בײַם דאַווענען בייזע הירהורים וועגן עבֿודה זרה. האָט ער אים געענטפֿערט: וואָס ווילסטו, אַז מען גיט דיר נישט די תּפֿילה אַ מתּנה פֿונעם הימל ווילסטו זיך אַליין נעמען די תּפֿילה; דאָס איז אַ חוצפּה קעגן הימל. ער האָט אָפֿט געוואָרנט, מען זאָל דאַווענען פּאַמעלעך. ער האָט אויך דערציילט, אַז אַ מאָל איז בײַ אים געווען אַן אָדם גדול און האָט זיך באַקלאָגט פֿאַר אים, וואָס די חסידים זײַנע דאַווענען נישט מיט אים צוזאַמען, נאָר איינער לערנט און דער אַנדערער שלאָפֿט. האָט אים ר׳ פּנחס געזאָגט: דו וועסט זען, ווען איך דאַוון פֿאַרן עמוד, דאַווענען אַלע צוזאַמען מיט מיר. און אַזוי איז געווען. וואָרעם איר דאַוונט איידער מען גיט אײַך דאָס דאַווענען אַ מתּנה. אָבער ווען מען גיט די תּפֿילה אַ מתּנה פֿון הימל איז דאָס אַחדות מיטן הימל, און דערפֿון קומט אַרויס אַחדות צווישן ייִדן.[148] ר׳ פּנחס האָט נישט געהאַלטן פֿון שאַרף דאַבינען [דאַווענען][149] און אויך נישט פֿון מאַכן ספּעציעלע אָנשטרענגונגען און כּל המיני פּעולות כּדי צו קומען צו התלהבֿות. „די תּפֿילה וואָס אַ מענטש דאַוונט איז בעצם געטלעכקייט". דער מתפּלל און די תּפֿילה איז איין זאַך.[150] תּפֿילה איז נישט אין מענטשנס רשות, טאָ וואָס וועט העלפֿן אָנשטרענגונג? און ווען ר׳ הירש, דעם בעש"טס זון, האָט אים געזאָגט, אַז אַ מענטש דאַרף מאַכן הכנות כּדי צו קאָנען מקבל זײַן די הייליקייט פֿון שבת, האָט אים ר׳ פּנחס געענטפֿערט: ווען מען גיט אַ מתּנה פֿון אויבן ווייסט דאָך אַ מענטש אין גאַנצן ניט, ווי אַזוי און וואָס מען וועט אים געבן, טאָ ווי אַזוי קאָן מען זיך דערצו מכין זײַן?[151]

## די באַציִונג פֿון בני־דור צו ר׳ פּנחסן

לויט דער מיינונג פֿון ר׳ פּנחסעס תּלמיד, האָבן די צדיקים וואָס האָבן חולק געווען אויף זײַן רבין נישט פֿאַרשטאַנען ווי ס׳געהער צו זײַן דעם ענין הכנה. זיי האָבן געמיינט, אַז הכנה איז דער טײַטש דווקא צו גיין אין צימער אַרויף און אַראָפּ; אָבער ניט דאָס האָט געמיינט ר׳ פּנחס, וואָרעם אַלצדינג וואָס מען רעדט און אַפֿילו דאָס וואָס מען לייגט זיך שלאָפֿן, וואָס מען טוט פֿון תּחילת הלילה ביז

[148] מדרש פּנחס, ז׳ 19.
[149] כּ"י סינסינאַטי, פּג, א.
[150] כּ"י סינסינאַטי, ח, ב.
[151] מדרש פּנחס, ז׳ 33.

מעריבֿ אָדער אַפֿילו ביז אין דער פֿרי, אַלץ איז הכנות צו שחרית, און אַזוי אַלץ וואָס מען טוט צווישן שחרית און מינחה איז הכנות צו מינחה. און ר׳ פּנחס פֿלעגט זאָגן: אַכט טעג פֿריִער קוק איך שוין אַרויס אויף אַ תּפֿילה. מיטוואָך זע איך שוין, צי דער שבת וואָס דאַרף קומען וועט זײַן אַ געהויבענער. נאָר דאָס וואָס ר׳ פּנחס האָט ניט געהאַלטן פֿון שאַרף דאַבֿינען איז דער פּשט געווען, אַז מען זאָל נישט אָנהייבן מיט שאַרפֿקייט, נאָר בהדרגה, אַזוי אַז די עיקר־עבֿודה דאַרף זײַן קריאת שמע און שמונה עשׂרה. און אויך דאָס דאַווענען זאָל נישט זײַן מער ווי דאָס האַרץ (נישט גיין העכער ווי דאָס האַרץ פֿילט), מען זאָל דאַ־ווענען לויטן האַרצן. און איינער פֿון ר׳ פּנחסעס תּלמידים, ר׳ שלמה, האָט געזאָגט, מיט אַ שטאָך קעגן ר׳ לוי יצחקן: „איך דאַוון מיט גרעסערע כּוחות ווי דער בערדיטשעווער רבֿ״. אויך האָט ער געזאָגט, אַז בײַ אים און ר׳ פּנחסן איז בײַם סוף פֿון דאַווענען געווען אַזאַ הויכע מדרגה, אַז ער האָט שוין ניט מער געקאָנט אַרײַנגיין אין דער ספֿערע פֿון וואָרט, ער האָט איבערגעלאָזט אַלץ אויף השי״ת: דו, גאָט, זאָלסט פֿאַרענדיקן דאָס דאַווענען.[152]

אויך ר׳ יחיאל מיכל דער זלאָטשעווער מגיד האָט חולק געווען אויף ר׳ פּנחסן, ווײַל ר׳ פּנחס האָט אײַנגעפֿירט, אַז זײַנע מענטשן זאָלן טרינקען אַ ביסעלע בראָנפֿן און אַ ביסעלע מעד. און ר׳ מיכל פֿלעגט זאָגן, אַז אַפֿילו אַ ביסעלע איז מבֿלבל דעם מוח, און ער האָט נישט געהאַלטן בכלל, אַז מען זאָל טרינקען.[153]

און ס׳איז געווען אַ צדיק אין דער שטאָט מיקאָלאַיעוו, ר׳ יהושע האָט ער געהייסן, האָט ער געדאַרפֿט אַ מאָל פֿאָרן דורך קאָריץ, האָט אים ר׳ יחיאל מיקאָלאַיעווער וואָס איז געווען עלטער פֿאַר אים געזאָגט, ער זאָל

---

[152] כּ״י סינסינאַטי, פ״ג, א: „ואמר הוא נ״י שלא עתה נשאר מי שיודע דבר מן התפלה, לא הוא נ״י ולא מהר״ר [ר׳ רפאל] ז״ל, רק האנשים הגדולים כגון ר׳ שלמה ז״ל ידע וגם ר׳ משה נ״י בן הרב [ר׳ פנחס] יודע, שאמר: אם היה לי כח הייתי יודע איך להתפלל. ע״כ אמר לי בנו ר׳ יוסף״.

[153] כּ״י סינסינאַטי, פד, ב. „[ר׳ פנחס] אמר על עיר איך אפשר להיות שם חכמה ואין בה יין, כי אמרינן בגמרא (יומא עו, ב) חמרא וריחני פקחין״, ר׳ לייבוש שוחט, לקוטים יקרים, מעזשיראָוו, תּקנד, צו. נאָך האָט ער געזאָגט: „כשישראל שותין משקה מתגברת האהבה ביניהם״, לקוטים יקרים, ז׳ 172. חסידים האָבן זיך נוהג געווען צו טרינקען בראָנפֿן פֿאַרן שלאָף און פֿלעגן דאָס רופֿן „דעם בעש״טס קריאת שמע״, עירין קדישין תניינא, כב. „עקר המגיעה הוא מן הגוף המפסיק בין נשמתו של אדם ובין התורה הקדושה. וכשמתבטל הגוף אזי מתחזקת הנשמה. ולכך כשהאדם מבוסם, אז הנשמה שבו מדברת, וזה הוא שאמרו העולם: מה שהאדם שאינו מבוסם על הריאה הוא השכור על הלשון, שאז הנשמה מדברת״, תולדות אהרן, דרוש לפורים, באַרדיטשעוו, תּקעז, עז, ב. „ידוע שרוב המון עם מנהגם לשתות דבש [מעד] בעש״ק אחר המרחץ והטעם הוא... כדי שיבא להם אהבה יתירה בתפלת המנחה ובערבית, כי תפלת עש״ק צריך התלהבות יתירה וכוונה גדולה יותר מכל תפלות החול כידוע. אך יש בני אדם ששותים כל כך הרבה עד דלא ידע וכו׳״, לקוטים יקרים, לג, א. און דער מעזריטשער מגיד פֿלעגט זאָגן: „דיש ב׳ מיני אדמימות א׳ הוא גבורות, ב׳ שהוא מיין שהוא שמחה, ובאדמימות השניה אדרבה מתמתקים כל אדמימות הא׳, משל למלך כאשר הוא בשמחה אז היה רשות ליכנס לפניו אף מי שאינו הגון בלאו הכי״ מגיד דבריו ליעקב, יא; אור תורה, ויחי. פֿאַר־קערט, ר׳ שמעלקע ניקלסבורגער האָט געזאָגט, (דברי שמואל, הנהגות, יב), „ולא ישתה משקה המשכר אם אינו נקי מתאוות, ואפילו הנקי ישתה מעט ולא ישתכר חלילה״.

> נישט האַלטן שבת בײַ ר׳ פּנחסן. אַזוי איז געווען. ער איז געווען בײַם רבֿ [ר׳ פּנחס] פֿאַר שבת, האָט אים דער רבֿ געבעטן, ער זאָל האַלטן שבת בײַ אים, האָט ער נישט געוואָלט און איז ווײַטער געפֿאָרן. און דערנאָך, מיט יאָרן שפּעטער, איז ער אַ מאָל געקומען קיין קאָריץ, איז ער אַרײַנגעגאַנגען צום רבֿ, האָט דער רבֿ אַפֿילו ניט קיין קוק נעגעבן אויף אים און מיט אים נישט גערעדט קיין וואָרט. ווײַזט אויס, אַז ער האָט געהאַט אויף אים אַ האַרץ פֿון דעמאָלט אָן. האָט ר׳ יהושע זיך באַקלאָגט פֿאַרן עולם: וואָס בין איך שולדיק? ר׳ יחיאל האָט מיך אַזוי געהייסן. נאָר ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפֿן. מיט אַ צײַט שפּעטער איז ר׳ יחיאל אַליין געקומען צום רבֿ.[154]

די התנגדות צו אַ סך פֿון ר׳ פּנחסעס דעות האָט ניט אויפֿגעהערט מיט זײַן פּטירה. ר׳ נחום טשערנאָבילער „האָט זייער געליובט ר״ פּנחסן”; דערמאָנענדיק אַ מאָל אַ טעם וואָס ר׳ פּנחס האָט געגעבן פֿאַר אַ געוויסן ענין האָט ער געזאָגט, אַז „זײַן נשמה איז געווען מטעמים”; אָבער ער האָט מוסיף געווען, אַז נאָך דער פּטירה פֿון אַ צדיק ווערן געבוירן אַ סך קשיות אַפֿילו אויף זאַכן וואָס פֿלעגן ניט זײַן קשה בײַ זײַן לעבן.[155] דאָס האָט ר׳ נחום געזאָגט אין בײַזײַן פֿון ר׳ יעקבֿ שמעונען, ר׳ פּנחסעס זון.

פֿון דער אַנדערער זײַט איז אונדז באַקאַנט, אַז זייער אַ סך מענטשן אין זײַן צײַט האָבן גאָר שטאַרק געהאַלטן פֿון ר׳ פּנחסן און האָבן זייער געליובט זײַנע השׂגות און די טיפֿקייט פֿון זײַנע בליקן. ר׳ ישעיה דינעוויצער, דער תּלמיד פֿונעם מעזריטשער מגיד, וואָס ר׳ פּנחס האָט אים געשריבן אַ מאָל אַ ווונדערלעכן בריוו וועגן עקסטאַז („התפּשטות הגשמיות”) און עלית נשמה,[156] האָט אַ מאָל געהאַלטן שבת אין אָסטרע און געזאָגט אויף אים: „דאָס וואָס מיר גוטע יודין דאַרפֿין האַריוון אויף איין שטיקעל שכל אַ האַלב יאָר צײַט קומט עס אָן ר׳ פּנחסן מיטן ערשטן אײַנפֿאַל”.[157] ר׳ נחום טשערנאָבילער איז אַ מאָל געווען בײַ

---

154 כּ״י סינסינאַטי, מו, א.

155 כּ״י כתבי קודש, ח״ו, ד, א.

156 דער בריוו איז אָפּגעדרוקט בײַם סוף פֿונעם ספֿר חסד לאברהם.

157 „פעם אחת שבת ר׳ ישעיה מדינוביץ אצל הרב ושמע הזקן הנ״ל [זען אויבן, הערה 126] ממנו אחר סעודת ליל שבת שהיה מדבר על הרב בזה הלשון: לאנג לייבין אויף אים, מיר האבין זיך אויך אביסיל מיט גאט דער קענט. ואחר סעודה ב׳ ביום שבת ראה שהיה נייחא דעתו מאד מהרב, ואמר: שאין כמוהו... ופעם אחת שמע הזקן מהרב ר׳ ישעיה בביתו בזה הלשון: נאשי בראצי, שקורין גוטע יודין, וואש מיר דארפין האריווין אויף איין שמיקעל שכל או מוח לעבודת השי״ת חצי שנה הוא אצל הרב [ר׳ פנחס] במושכל ראשון. ואחר הבדלה אמר ר׳ ישעיה להאנשים מי ילך אתי לר׳ אייזיקיל שהוא רב של קאריץ, שאני רוצה להכיר אותו [זען אויבן, ז׳ 16], ואמר הזקן הנ״ל אני אלך עמכם. והלך עמו לבית ר׳ אייזיקיל. ור׳ אייזיקיל כבר פשט מלבושיו לשכב, ונבהל ר׳ אייזיק מאד ואמר: רבי, להיכן תלכו? והשיב ר׳ ישעיה: אצליכם, שאני רוצה להכיר אתכם. אמרו לי מה שאמרתם בסעודת שבת היום. והיה מסרב מאד שהיה בוש להגיד לפניו, ואמר: שע [־סע, עס] איז קיין מעשה ניט. ואחר כך אמר לו הרבה גימטריאות, ואמר לו [ר׳ ישעיה]: דאש לייגס אוועק, עס ניצט ניט לעבודת השי״ת, וגם אני מכבר עסקתי בזה וראיתי שאיננו נצרך לעבודת השם. והנחתיו. רק מה שאמרתם התחלה הוא קיין מעשה ניט״, כּ״י סינסינאַטי, מו.

ר׳ פנחסן מיט דעם איידעם פון זיין טאַכטער ר׳ שלום פראהאבישטשער וואָס איז דעמאָלט נאָך געווען אַ יונגער־מאַן און מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ פועל ישועות און אַ בעל מוח.[158] ר׳ חיים קראַסנער, אַ תלמיד פון בעש״ט, האָט געזאָגט אויף ר׳ פנחסן: „באמת, באמת, דער גרויסער, אַ חד בדרא״.[159] און ר׳ יעקב יוסף פון פולנאָע האָט אַ מאָל געשיקט נאָך אים אַ פור, ער זאָל קומען צו אים; האָט ר׳ פנחס מיט אים פאַרבראַכט שבת און הגם ס׳איז געווען דעם פולנאָער רבס דרך צו דאַווענען פאַרן עמוד האָט ער זיך מתיר גדר געווען פאַר דריי יידן און האָט מכבד געווען ר׳ פנחסן, ער זאָל זיין דער שליח ציבור. „מען זאָגט, אַז ער האָט געזאָגט דערנאָך, אַז זינט דער בעש״ט איז ניפטר געוואָרן האָט ער ניט געהערט אַזאַ תפילה״.[160] איין מאָל איז געקומען צו ר׳ יעקב יוספן אַ מענטש וואָס האָט געדאַרפט האָבן אַ ישועה וועגן אַ קראַנקן, האָט ער אים געזאָגט: „איך קאָן דיר נישט העלפן״ און האָט געהייסן פאָרן צו ר׳ פנחסן, וואָס ער קאָן יאָ העלפן.[161] אין די אויגן פון ר׳ דוד היילפרין, דער רב פון אָסטרע און זאַסלאַוו, וואָס האָט געוווסט דעם בעש״טס מיינונגען „וועגן אַלע מפורסמים אין דער צייט״, איז וויזט אויס ר׳ פנחס געווען צווישן די פיר וויכטיקסטע פערזענלעכקייטן.[162]

צווישן די וואָס האָבן שטאַרק געהאַלטן פון ר׳ פנחסן און זיינען געווען ביי אים איז אויך געווען דער שפּאָלער זיידע,[163] ר׳ לייב שׂרהס,[164] די באַרימטע ברידער ר׳ שמעלקע פון ניקלסבורג און ר׳ פנחס דער בעל הפלאה פון פראַנקפורט־מיין,[165] ר׳ יעקב יוסף דער מגיד פון אָסטרע, דער מחבר פון רב ייבי,[166] וואָס מיט אים האָט ר׳ פנחס אויפגעהאַלטן נאָענטע פריינדשאַפט.[167]

די מקורבים פון ר׳ פנחסן האָבן אים צוגעגליכן צום בעש״ט. דעם בעש״טס חסידים האָבן געזאָגט: אויב מען האָט ניט געזען פון אר״י הקודש מער מופתים ווי נאָר די וואָס שטייען אין שבחי האר״י האָבן מיר געזען פונעם בעש״ט מער. און ר׳ שלמה, דער תלמיד פון ר׳ פנחסן, האָט געזאָגט: אַז אויב פון בעש״ט איז נישטאָ מער ווי דאָס וואָס מען דערציילט פון אים, האָב איך געזען פונעם רב (ר׳ פנחס) אַפילו אין ענין קדחת מער. און ער האָט דערציילט אַ סך וווּנדערלעכע מעשׂיות, ווי ער פלעגט היילן ספּעציעל קדחת אָן שום טווּנג, נאָר אַ מאָל פלעגט ער זאָגן צו איינעם: קום און קוק מיר אין פנים בשעת איך זאָג ברכו, פלעגט ער ווערן אויסגעהיילט.[168] און אַן אַנדער תלמיד פון ר׳ פנחסן האָט געזאָגט: אַז

---

[158] כ״י אומאַן, צו, א.

[159] כ״י סינסינאַטי, צה, ב. אפשר האָט מען אים יעמאָלט אַנגערופן „דער גרויסער ר׳ פנחס.״

[160] כ״י סינסינאַטי, נג, א.

[161] כ״י אומאַן, צה, ב. כ״י כתבי קודש, ח״י ה, א.

[162] ביבער, דצ״וו, ז׳ 338.

[163] גוטמן, ר׳ פנחס מקוריץ, כח.

[164] כ״י סינסינאַטי, מה, א.

[165] עשר אורות, פרעמיסלע, תרעא, ב—ה.

[166] ביבער, דצ״וו, ז׳ 211.

[167] כ״י סינסינאַטי, פג, ב.

[168] כ״י כתבי קודש, ח״ו, ה, א.

אויב דער דור וואָלט געווען ראוי וואָלט ר׳ פנחס געווען משיח, און דאָס האָט דער רמב״ם פאָרויסגעזאָגט.[169]

## ר׳ פנחס קאָריצער און די גזרות גאָנטע

די צײַט איז געווען אַ צײַט פון נגישות און רדיפות. מיר לעבן „אין ביטערן גלות, אַלע טאָג קומען צו נײַע צרות, אַלע טאָג פרעגן מיר, וואָס וועט זײַן דער סוף״,[170] שרײַבט אַ בן דור. אַ סך האָט זיך ר׳ פנחס מצטער געווען אויף צרות ישׂראל און אויפן גלות, און ער האָט געגלייבט, אַז מיט זײַן עבודה איז ער מקרב די גאולה. אָבער ער האָט זיך ניט אײַנגעשפּאַרט און נישט דוחק געווען דעם קץ, הגם ער איז געווען בטוח, אַז ער איז בכוח צו ברענגען משיחן: „איך קען ברענגען משיח אַזוי גרינג אַזוי וויא דיא שטרוי אויף צי הובין, אָבער איך האָב נאמנות...״ דאַכט זיך, אַז ער האָט געזאָגט: „דערפאַר האָט מען מיר געגעבן דאָס דאָזיקע יכולת אין האַנט אַרײַן, ווײַל דער רבונו של עולם ווייסט, אַז איך האָב נאמנות״.[171]

שטענדיק האָט ער געשטרעבט,[172] און האָט אויך אַנדערע געהייסן, פאָרן קיין ארץ־ישׂראל און האָט אָפּט גערעדט וועגן דער מעלה פון ארץ־ישׂראל. אַז ס׳איז געקומען צו אים עמעצער פון דאָרטן פלעגט ער אים בעטן, ער זאָל אים באַשרײַבן בשעת דעם דאַווענען די צורה פון ארץ־ישׂראל מיט אירע וואַסערן און טײַכן און האָט געזאָגט: ווי גרויס איז דער כוח פון אויסמאָלן זיך. איך בין נאָך אין ארץ־ישׂראל ניט געווען, אָבער איך מאָל זיך אויס דערווײַל די צורה פון די מענטשן וואָס זײַנען אין ארץ־ישׂראל.[173]

נאָך פאַר דער באַרימטער עליה פון ר׳ מענדל וויטעבסקער און זײַן חבֿרותא אין יאָר תקלז (1777) האָט ער באַשלאָסן פאָרן קיין ארץ־ישׂראל. אָבער דאָס וואָס איז געשען מיט ר׳ ישׂראל בעש״ט איז אויך געשען מיט ר׳ פנחסן. צוויי מאָל האָט ער געפּרוווט פאָרן קיין ארץ־ישׂראל, אָבער עס איז אים נישט געראָטן.

אַ געוויסע צײַט פאַר דעם חודש תמוז תקכח (1768) האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ־ישׂראל[174] און האָט געדונגען פורן און אַלצדינג צוגעגרייט; איז ער פּלוצלינג קראַנק געוואָרן, געוואָרן אַ ביסל משולשל. האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז מסוכן, און זיך געלייגט אין בעט אַרײַן. איז געשטאַנען לעבן אים ר׳ שמעון אַשכנזי, און ר׳ פנחס האָט געזאָגט צו השי״ת: אויב ס׳איז דײַן רצון,

---

[169] גוטמן, תורת ר׳ פנחס, ח. זען מגן דוד פון רדב״ז, אַמסטערדאַם תעג, לט, ב: „ימות המשיח לא יהיה ודאי פחות מת״ק שנה [פאַרן אלף השישי]״.

[170] תפארת ישראל פון ר׳ ישראל סאַטאַנאָווער, ה, ד.

[171] כ״י כתבי קודש, ח״ג, ה, א.

[172] „דבר שרצונו מאד לקבוע דירתו בארץ ישראל״.

[173] תוספתא למדרש פנחס, ד, ב.

[174] „כשבקש ר׳ פנחס לעלות לארץ ישראל דבר שרצונו מאד לשבת בעיר מקלט, כיון שהיא קולטת את הרוצח ויכולים להחבא שם, ואולי כיוון לצפת שהיא קדש הנזכרת בין ערי מקלט״, כ״י סינסינאַטי, מה, א.

איך זאָל נישט פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל, וועל איך נישט פֿאָרן. אַזוי ווי ער האָט דאָס געזאָגט איז אים באַלד בעסער געוואָרן. נאָר געוווּנדערט האָט אים אַ ביסל, פֿאַר וואָס עס איז נישט דער רצון פֿון השי״ת, אַז ער זאָל פֿאָרן, וואָרעם ער האָט געוווּסט, אַז ער האָט דערויף זייער אַ גוטן טעם. אָבער דערנאָך איז ער געוווּיר געוואָרן, פֿאַר וואָס מען האָט אים אָפּגעהאַלטן פֿון פֿאָרן, — צוליב די גזרות פֿון די הײַדאַמאַקן.

דאָס יאָר תקכח, וואָס איינער פֿון די בני דור האָט געהאָפֿט אַז עס וועט זײַן דאָס יאָר אין וועלכן משיח וועט קומען,[175] האָט געבראַכט אומגליק און אונ־טערגאַנג פֿאַר אַ סך קהילות אין אוקראַיִנע.[176] די אוקראַיִנישע הײַדאַמאַקן און קאָזאַקן זײַנען אָנגעפֿאַלן אויף פּאָליאַקן (ספּעציעל אויף גײַסטלעכע און שליאַכטע) און אויף ייִדן. טויזנטער און צענדלינגער טויזנטער ייִדן זײַנען אומגעבראַכט גע־וואָרן, כּמעט הונדערט טויזנט נפֿשות. אַ סך שטעט און דערפֿער, אַן ערך פֿופֿציק מײַל אין דער לענג און צוואַנציק מײַל אין דער ברייט, זײַנען חרובֿ געוואָרן. „אומגלייבלעך צו דערציילן, מען קען עס ממש ניט ברענגען אויפֿן פּאַפּיר״.[177] דער אויפֿשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אין אַפּריל, און אין פֿאַרשיידענע שטעט

[176] „על מטתי עלה על רעיוני: תקכח לאלף הששי ליצירה יהיה שנת גאולה כ״ש״ח״ר. כי ראיתי כל הגאולות היו בחי״ת: תמ״ח לאלף השלישי היה גאולת מצרים, תפ״ח לאלף השלישי היה ביאה לארץ. וגם תתקכ״ח לאלף השלישי היה בנין בית ראשון, וגם ת״ח לאלף הרביעי היה בנין בית שני. ועתה כ״ש״ח״ר היה כ׳ח׳ר׳ש לא אשמע. ראיתי בעוה״ר כי של״ח לאלף הרביעי גחרב בית (שני ואין ת״י סדר העולם לראות כל החי״ת) ראשון, ותתק״ח לאלף הרביעי בית שני... אך בזמננו ידוע שת״ח לאלף השישי היה בעוה״ר הריגה במדינת פולניא בהאקלום אקריינא הפוחז חמ״ל ימ״ש. וגם בזמננו שנת תקי״ח לאלף השישי נשרפה תורתנו הקדושה. בארבעה ימים לחודש מרחשוון שנת הנ״ל נשרפה בעיר קאמניץ באקלים פאדלייא ברחוב העיר כל ששה סדרים ועוד מסכת ברכות ותקוני זוהר ואשלי רברבי מחמת המינים שבתי צבי ימ״ש. ועוד היה ידו נטויה עלינו שהיה בצווי ההגמון שקורין בושיף [=בישאָף, ביסקופּ]. ובשעת השריפה באותו יום אחזתו החולשה כפיה [די פֿאַליקע], מתגבר והולך עד חמשה לחודש כסליו שנת הנ״ל. ומת במיתה אכזריות. ה׳ ינקום מכל אויבינו הקמים עלינו לרעה. ועתה בשנת תקכ״ח לאלף הששי היה הריגה באקלים אוקריינא בחדש הרביעי ובחודש החמישי יה״ר שיהפוך לנו לששון ולשמחה נהרגו אלפים ורבבות...״ תפארת ישראל פֿון ר׳ ישׂראל סאַטאַנאָווער, פ׳ בחקתי; דאָרטן, פ׳ בהר: „שנשרפו תורת אלהים בעיר קאמניץ, ששה סדרים וט״ז ותיקוני זוהר ומס׳ ברכות ברחוב העיר... היה בנדר להתענות ד׳ חשון... ועלה בלילה אחר התענית ז׳ חשון שנת תקל״ט״.

[176] דובנאָוו, דברי ימי עם עולם, ח״ז, 97. — וועגן דער הײַדאַמאַטשינע זען אויך דובנאָוו, „דער צווייטער חורבן פֿון אוקראַיִנע (1768)״, היסטאָרישע שריפֿטן, ייִוואָ, I 27—54, וווּ ס׳איז אָפּגעדרוקט דער פֿולער טעקסט פֿון דער ייִדישער פֿאָלקסכראָניק מעשה גדולה מן אומן ומן אוקריינא.

[177] תפארת ישראל, בחקותי. אין אַ בריוו פֿון אַן אַנדער בן־דור ווערט די צאָל פֿון די הרוגים אָפּגעשאַצט אויף פֿופֿציק־זעכציק טויזנט (פֿ״גל גורלאַנד, לקורות הגזרות, ג, ז׳ 30). פֿון דער אַנדערער זײַט ווייסן מיר אַז אין אומאַן אַליין זײַנען אומגעקומען בערך דרײַסיק טויזנט נפֿשות (פֿ״גל ברנפלד, ספר הדמעות, ח״ג ש״ב). זייער וויכטיק זײַנען די פּרטים וואָס ר׳ ישׂראל סאַטאַנאָווער גיט איבער וועגן דער פֿאַרברענונג פֿון די ספֿרים. ספּעציעל אינטערעסאַנט איז דער פֿאַקט וואָס דער תקוני זוהר איז געווען צווישן די ספֿרים וואָס מען

אין קיִעווער גובערניע זײַנען דערהרגעט געוואָרן מאַסן ייִדן. ווען די ביטערע בשורות וועגן די רציחות האָבן זיך פאַרשפּרייט זײַנען טויזנטער ייִדן און פּויליש אַדללײַט אַנטלאָפֿן און האָבן געפּרוּווט זיך ראַטעווען אין דער פֿעסטונג־שטאָט אומאַן,"[178] די רײַכסטע שטאָט אין די באַזיצונגען פֿון גראַף פּאָטאָצקי פֿון קיִעוו. די פּאַליאַקן און די ייִדן האָבן געענטפֿערט מיט שיסערײַ די הײַדאַמאַקן וואָס האָבן באַלעגערט די שטאָט. די שטאָט איז געפֿאַלן, און אַ גרויסע צאָל ייִדן וואָס האָבן זיך צונויפֿגענומען אין דער שטאָטישער שול כּדי זיך צו פֿאַרטיידיקן זײַנען דערהרגעט געוואָרן (ח׳ תמוז, 18טן יוני). מיט דער אומאַנער שחיטה איז אָבער געקומען אַ סוף צו דער הײַדאַמאַקישער באַוועגונג. דאָס רוסישע מיליטער איז דעמאָלט אַרײַן צוזאַמען מיטן פּוילישן מיליטער און דערשטיקט די אומרוען."[179]

דער פּולנאָער רבֿ ר׳ יעקבֿ יוסף האָט דערציילט:

> צוויי יאָר פֿאַר דער בריחה [ד״ה 1766] האָט ר׳ צבֿי, דער זון פֿונעם בעש״ט, געזען זײַן טאַטן אין חלום. ר׳ צבֿי האָט דעמאָלט געהאַט נרוים צער, וואָרעם ער איז געווען שולדיק אַ סך געלט די פּריצים און האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן. האָט ער געפֿרעגט זײַן טאַטן: „צי פֿילסטו מײַן צער?" האָט דער בעש״ט געענטפֿערט: „יאָ". האָט ער אים געפֿרעגט: „ווער האָט דיר צו וויסן געטאָן?" האָט ער געענטפֿערט: „די וואָס גייען אויפֿן שיידוועג האָבן אים צו וויסן געטאָן. האָט ער געפֿרעגט: „ווער זײַנען עס די וואָס גייען אויפֿן שיידוועג?" האָט ער געענטפֿערט: „אַבֿרהם יצחק און יעקבֿ. זיי גייען דאָס אַרום אויפֿן שיידוועג כּדי געוווירר צו ווערן די צרות פֿון ישׂראל און זיי גייען שפּעטער און טוען דאָס צו וויסן אויף די קבֿרים פֿון די צדיקים, און זיי האָבן עס מיר צו וויסן געטאָן וועגן דײַן צער, אָבער איך האָב איצט קיין צײַט ניט צו ריידן מיט דיר, ווײַל איך דאַרף איצט גיין מבֿטל זײַן די גזרות פֿון די גזלנים וואָס מען רופֿט הייַדאַמאַקעס", דער דאָזיקער חלום איז געווען אַן ערך דרײַ וואָכן פֿאַר פּסח."[180]

ווי אַזוי האָט ר׳ פּנחס רעאַגירט אויף די גזרות? ער אַליין האָט דערציילט זײַן תּלמיד,

> אַז אין חודש תּמוז ערבֿ שבת קודש תּקכח [1768] פֿאַר דער גזרה איז ער געגאַנגען אין מרחץ אַרײַן און גיחאַלישט. אָבער פֿון דעסט וועגן האָט ער געקאָנט אַ וווּנק טאָן, האָבן די מענטשן אַרום אים פֿאַרשטאַנען, אַז זײַן חיות איז זייער געפֿאַלן, האָט ער אַ וווּנק געטאָן, אַז מען זאָל אים לאָזן ליגן אויפֿן דיל. אַנדערע זאָגן, אַז אין מרחץ (אָדער אין מיקווה) האָט ער געזען אַ שווערד פֿליִען אין דער וועלט רחמנא ליצלן, און דערפֿון האָט ער געחלשט. דערנאָך איז ער אויפֿגעשטאַנען

---

האָט פֿאַרברענט. לויט אַן אַנדער מקור האָט דער בישאָף געוואָלט נאָר פֿאַרברענען די „תורה שבעל פה... ולא לשייר כי אם חומש וספר הזוהר" (בלבן, לתולדות התנועה הפראנקית, ז׳ 187; זען אויך זז׳ 185—189).

[178] למשל די שאַריגראָדער ייִדן, שבחי הבעש״ט, אויסגאַבע האָראָדעצקי, לא.

[179] דובנאָוו, דברי ימי עם עולם, ח״ז זז׳ 97—100; ברנפלד, ספר הדמעות, ח״ג, זז׳ רצ—שב.

[180] שבחי בעש״ט כו, א.

און איז געגאַנגען אין בית־מדרש אַרײַן דאַוונען פֿאַרן עמוד, האָט ער אָנגעהויבן פֿילן אַ ווייטאָג אין קאָפּ און אין האַרץ, אַזוי אַז ער האָט געמוזט אַוועק פֿון דעם עמוד (אַנדערע זאָגן, אַז בשעת דאַוונען מינחה האָט ער דערזען אַ שווערד פֿליִען אין דער וועלט רחמנא ליצלן). איז [ער אַוועק פֿון זײַן אָרט און] עמעצער אַנדערש, אַ יונגער־מאַן, איז געגאַנגען דאַוונען. ער האָט זייער געכאַפּט דאָס דאַוונען, ער האָט געדאַוונט זייער גיך און ער האָט געענדיקט מעריבֿ נאָך איידער ס׳איז געוואָרן נאַכט. וואָלט ער געוואַרט מיטן מעריבֿ און געדאַוונט מעריבֿ בשעת ס׳איז שוין געווען שבת, וואָלט די גזרה בטל געוואָרן. און ר׳ פּנחס האָט געזאָגט: איך ווייס, אַז ווען איך וואָלט געקאָנט שלאָפֿן וואָלט איך מבֿטל געווען די גזרה, וואָרעם שלאָף איז המתקת הדינים... אָבער איך האָב נישט געקאָנט שלאָפֿן ביז נאָך יום־כּיפּור. ערבֿ ראָש השנה האָב איך געטראַכט, אַז איך וועל אויסגיסן מײַן האַרץ אין גרויס געוויין פֿאַר השי״ת און דאָס וועט העלפֿן מבֿטל זײַן די גזרה. אָבער ווען איך האָב זיך געשטעלט זאָגן סליחות פֿון זכור ברית, האָב איך אָנגעהויבן פֿילן אַ ווייטאָג אין האַרץ און אין קאָפּ און איך האָב געמוזט אַוועק פֿונעם עמוד און זאָגן סליחות ווי אַ פּראָסטער בעל־הבית און איך האָב ניט געקאָנט אַפֿילו וויינען (כאָטש ער איז געווען אַ גרויסער בעל בכי). כ׳האָב זיך זייער מצטער געווען, אַז עס זאָלן חס ושלום ניט אַוועקגיין די טעג אָן געוויין. אָבער ראָש השנה איז דער זכות פֿון דעם הייליקן טאָג מיר בײַגעשטאַנען און כ׳האָב אויסגעגאָסן טרערן פֿאַר השי״ת. און דערנאָך, מוצאי יום־כּיפּור, האָב איך נאָר עפּעס טועם געווען און זיך אַנידערגעלייגט און בין אַנטשלאָפֿן געוואָרן און בין געשלאָפֿן ביז אין דער פֿרי, האָב איך געוווּסט, אַז די גזרה איז בטל געוואָרן.[181]

**די אוקראַיִנישע ייִדן זײַנען אויפֿגעציטערט געוואָרן פֿון די מוראַדיקע בשׂורות, און מאַסן זײַנען אַנטלאָפֿן קיין פּוילן.[182]**

א באַרימטער רבֿ, אַ גרויסער גאון און אַ זקן, אַז ער האָט געהערט פֿון דער גזרה, האָט ער געוואָרנט די ייִדן פֿון טעטיִעוו און האָט אויך אַרומגעשיקט שליחים צו אַ סך אַנדערע קהילות און געזאָגט: נאָך דער גזרה פֿון יאָר ת״ח ות״ט, די כמעלניצקי־גזירות, האָט מען גוזר געווען אַ חרם אין אַלע מדינות פֿון ליטע און פּוילן און טערקײַ, אַז מען זאָל נישט וווינען אין אוקראַיִנע... דערפֿאַר זאָג איך אײַך, אַז איר זאָלט אַלע אַנטלויפֿן און ווער עס וועט זשאַלעווען זײַן פֿאַרמעגן און פּרוּוון מיטנעמען אַפֿילו אַ קלייניקייט וועט ניט ניצול ווערן. אַזוי ווי ער האָט פֿאָרויסגעזאָגט אַזוי איז געווען. דאָס רובֿ מענטשן זײַנען אַנטלאָפֿן און האָבן געפֿאָלגט דעם רבֿס ווערטער און זײַנען ניצול געוואָרן; די איבעריקע זײַנען אומגעקומען.[183]

**ר׳ פּנחס אָבער האָט זיך קעגנגעשטעלט קעגן דער באַוועגונג צו אַנטלויפֿן. ער האָט געפּרוּווט משפּיע זײַן אויף דעם עולם, אַז ער זאָל בלײַבן זיצן אויף די ערטער און האָט שפּעטער געזאָגט, אַז ווען נישט ער, וואָלט ניט געבליבן**

[181] פאר לישרים, טו, ב, און די כתבֿ־ידן.

[182] שבחי בעש״ט, לא, קב, קיט.

[183] גורלאנד, לקורות הגזירות, ג, ז׳ 31. זען דובנאָוו, דצ״ו, ז׳ 100. **„חרם זה על אוקריינה אינו מבוסס, ומציין רק את הלך הנפש של בני הדור ההוא״.**

חס ושלום קיין פּוס פֿון אַ ייִדן ביז לעמבערג.[184] אין די דאָזיקע באַמיִונגען אָפּצוהאַלטן ייִדן פֿון אַנטלויפֿן האָט ער ניט געהאַט קיין סך וואָס זאָלן אים צו־העלפֿן, אַפֿילו זײַנע מקורבֿים [185] האָבן נישט געהאַלטן מיט אים. מערניט דער מעז־ריטשער מגיד האָט אים געהאָלפֿן אַ ביסל. דער מעזריטשער מגיד האָט ניט געהייסן אַנטלויפֿן; ווי עס ווײַזט אויס האָט ער געהייסן ייִדן זיך באַהאַלטן אין די וועלדער ביז דאָס אומגליק וועט פֿאַרבײַ.[186]

נאָך האָט ר׳ פנחס דערציילט: „אין אַ יאָר אַרום האָב איך געמאַכט אַ בײַט מיט השי״ת, אַז אַנשטאָט אַ הריגה זאָל קומען אַ מגפֿה, רחמנא לצלן. געטאָן האָב איך דאָס צוליב צוויי טעמים, ערשטנס: ווײַל לאָמיר, איך בעט דיך, פֿאַלן אין דער האַנט פֿון גאָט, וואָרעם זײַן רחמנות איז גרויס.[187] צווייטנס: כּדי עס זאָל ניט אַרויסקומען קיין חילול השם, וואָרעם הריגה איז נאָר אויף ייִדן, וואָס בײַ אַ מגפֿה איז דאָס ניט אַזוי, זי הייבט זיך אָן דער עיקר בײַ די אומות־העולם. און דורך דעם האָב איך זיך אַליין אַרײַנגעבראַכט אין סכּנה״. זײַן רביצין האָט זיך יענעם יאָר געפֿעלט.[188]

„בשעת דער מגפֿה האָב איך אויף זיך אַליין גאָרניט געזאָרגט, וואָרעם איך האָב געוווּסט, אַז איך זאָג קיין מאָל ניט קיין וואָרט שקר, און ווער עס זאָגט ניט קיין שקר איז מאַריך ימים״. און כּל זמן ער האָט געהאַט פֿיש אויף שבת האָט אים טאָקע די מגפֿה נישט באַרירט און אויך נישט זײַן בני בית, אָבער דערנאָך האָט ער נישט געקאָנט געפֿינען קיין פֿיש אויף שבת, האָט זיך זײַן פֿרוי גע־פֿעלט און אויך זײַן משרת וואָס איז געווען בײַ אים זייער טײַער.

זײַן זון אליהו איז געווען נאָך אַ זייגעדיק קינד, און צוליב דעם וואָס זײַן מוטער האָט זיך געפֿעלט פֿון דער מגפֿה האָט קיין שום פֿרוי ניט געוואָלט אים זייגן. האָט ר׳ פנחס געזאָגט: „די פֿרוי וואָס וועט נעמען מײַן קינד און זייגן בין איך ערבֿ, אַז ס׳וועט גאָרנישט שאַטן נישט איר, נישט איר מאַן און נישט איר בני בית. פֿאַרקערט, אַ פֿרוי וואָס וועט ניט וועלן [דאָס] אויף זיך נעמען, וועט ניט בלײַבן בײַ איר אין הויז קיין שׂריד ופּליט רחמנא לצלן״. האָט אַ פֿרוי גע־

---

[184] כּ״י סינסינאַטי, נו, א.

[185] „בכל אלה כלו כל המוחין ולא היה מי שיחזיק עמי לא ק״ק זסלב ולא ק״ק זוועהל״. אין די דאָזיקע שטעט האָבן געוווינט אַ סך פֿון ר׳ פנחסעס מקורבֿים. כּ״י סינסינאַטי, נו, א.

[186] „וכולם לא לבשו בגדים לבנים ביום השבת ולא התפללו לפני העמוד״, כּ״י סינסינאַטי, נו, א. מען זעט, אַז ר׳ פנחס און ר׳ בער האָבן געהאַט אַ השפּעה בײַ קהל און האָבן אויס־געפֿירט זייערס אין געזעלשאַפֿטלעכע ענינים.

[187] שמואל ב, כד, 14: „נפלה נא ביד ה׳ רבים רחמו״.

[188] דאָס איז געווען ווײַזט אויס אין תּקכּט (1769). מיט דער דאָזיקער תּפֿילה איז ר׳ פנחס געגאַנגען אין דעם בעש״טס דרך. אין דעם בעש״טס בריוו, געדרוקט אין קאָריץ אין תּקמא, בײַ ר׳ פנחסעס לעבן, שטייט: „ובראש השנה שנת תק״י עשיתי עליית נשמה כידוע וראיתי קטרוג גדול, עד שכמעט ניתן להס״ם רשות לחרוב כללות מדינות וקהלות. ומסרתי את נפשי והתפללתי נפלה בידי ה׳ ואל נפלה בידי אדם. ונתנו לי רשות שיהיה תמורת זה חולשות גדולות ודבר מאד, אשר לא היה כמוהו, בכל מדינות פולין ושאר מדינות הקרובים לנו. וכן היה שנתפשט החולשה עד למאד אשר אין לשער, וגם הדבר בשאר המדינות״, בן פורת יוסף, סוף.

נומען זייגן דאָס קינד און זי איז קראַנק געוואָרן, איז געקומען איר מאַן און דערציילט ר׳ פּנחסן. האָט ער געהייסן, זי זאָל קומען צו אים און קוקן אים אין פּנים אַרײַן. זי האָט אַזוי געטאָן. באַלד האָט איר פּנים זיך גענומען מינען אין אַ סך קאָלירן, און זי האָט באַקומען די רפֿואה אויפֿן אָרט. אַזוי האָט דערציילט דער פֿרויס מאַן.[189]

נאָך דעם ווי זײַן פֿרוי טרײַנע האָט זיך געפֿעלט — די פֿרוי וואָס האָט אים געבוירן אויך די זין ר׳ מאירן און ר׳ משהן, — האָט ער גענומען אַן אַנדער פֿרוי מיטן נאָמען יוטע און זי האָט אים געהאַט ר׳ יעקבֿ־שמעונען און ר׳ יחזקאלען.[190] ער האָט אויך געהאַט אַ טאָכטער וואָס האָט געהייסן רחל־שיינדל.[191]

## ר׳ פּנחסעם באַציִונג צו דער צעטיילונג פֿון פּוילן

דער מצבֿ פֿון ייִדן אין פּוילן אין יענער צײַט איז געווען זייער ביטער, אָבער ניט געקוקט דערויף האָט ר׳ פּנחס געזאָגט:

> דער שווערסטער גלות איז אין דײַטשלאַנד, וואָס אַ ייִד טאָר דאָרטן ניט וווינען אָן פּראַווע [וווינרעכט] און ווען ער האָט קינדער טאָר ער ניט האַלטן בײַ זיך מער ווי איינעם; און דאָס איז אַלץ צוליב דעם ווײַל ייִדן אונטערשיידן זיך נישט פֿון די אַנדערע אומות נישט אין זייער הלבשה און נישט אין זייער שפּראַך. דער גלות אין מדינת ישמעאל [טערקײַ] איז נישט אַזוי שווער ווי אין דײַטשלאַנד, ווײַל דאָרטן זײַנען זיי אַנדערש אין לשון, נאָר אין דער הלבשה זײַנען זיי ניט אַנדערש. אָבער אין פּוילן, ווו [ייִדן] זײַנען אַנדערש פֿון די גויים אי אין דער הלבשה אי אין לשון, איז דער גלות גרינגער ווי אומעטום.[192]

פּוילן האָט זיך דעמאָלט געפֿונען אין אַ מצבֿ פֿון פּאָליטישער און סאָציאַלער ירידה. רוסלאַנד, פּרײַסן און עסטרײַך האָבן געהאַלטן בײַם צעטיילן פּוילן צווישן זיך. ר׳ פּנחס איז געווען שטאַרק פֿאַר פּוילן און האָט גערעדט שאַרפֿע דיבורים קעגן רוסלאַנד וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען אין דער שפּיץ פֿון דער אַנטיפּוילישער קאָאַליציע. ער האָט די רוסן גערופֿן ראַצן („עכברים״), וואָס ווייסן בכלל ניט וואָס איז אמת.[193] אַלע זײַנע יאָרן האָט ער געקעמפֿט אין זײַנע תּפֿילות מבֿטל צו זײַן די גזרה פֿון אומקום וואָס איז געהאַנגען איבער דער פּוילישער מלוכה.

אַזוי דערציילט זײַן תּלמיד ר׳ רפֿאל: איידער ס׳איז אַרײַן די באַוווסטע אומה (די רוסן) קיין פּוילן האָט ר׳ פּנחס געפֿילט די סכּנה און האָט געזאָגט:

> איך האָב ניט געפֿילט אַזוינע פּלייצעס וואָס זאָלן קאָנען פֿאַרמײַדן די סכּנה, מערניט ר׳ נחמן האָראָדענקער איז אַזאַ מענטש.[194] אָבער ר׳ נחמן

---

[189] כּ״י סינסינאַטי, נו, א.

[190] לויט דער רשימה יאָרצײַטן בײַם סוף פֿון כּ״י כתבי קודש.

[191] ביבער, דצ״ו, ז׳ 212.

[192] כּ״י סינסינאַטי, קב, א.

[193] „ושאינם יודעים כלל מהו אמת״, כּ״י סינסינאַטי, עג, ב.

[194] „שהיה מחזיק אותו לגדול מאד מאד והיה מספר בשבחיו ואמר דאיתא במדרש כל המספר בשבחיהם של צדיקים כעוסק במרכבה״, כּ״י סינסינאַטי, צט, ב. ר׳ נחמנס זון איז

האָט זיך דעמאָלט געגרייט צו פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. כּל זמן ר׳ נחמן איז געווען אין דער מדינה איז טאַקע די אומה [די רוסן] נישט אריבער דעם דניעפּער; הגם זיי האָבן געשיקט דרײַ מאָל זייערע חיילות קיין פּוילן, האָבן זיי נישט געקאָנט אַרײַן. אָבער אין דעם טאָג וואָס ר׳ נחמן איז אַריבער דעם דניעסטער[195] בין איך געבליבן איינער אַליין אין דער מדינה. האָב איך זיך מישבֿ געווען אַז איך וועל דאַווענען מיט אַ גרויסן עולם און צוליב דעם בין איך געפֿאָרן [תּקכד אָדער תּקכה[196]] קיין זאַסלאַוו אויף שבת, ווײַל דאָרטן איז געווען אַ גרויסער עולם.[197] און הגם ס׳איז שווער געווען פֿאַר מיר צו פֿאָרן אַהין צוליב ר׳ דוד פֿון אָסטרע, וואָס איז דעמאָלט געווען רבֿ אין זאַסלאַוו,[198] וואָרעם ר׳ דוד האָט געשיקט נאָך

---

געווען ר׳ שׂמחה, דער פֿאָטער פֿון ר׳ נחמן בראַצלאַווער. ר׳ שׂמחה איז געווען דער איידעם פֿון אָדל, דעם בעש״טס טאָכטער.

[196] ר׳ נחמן איז אַוועק קיין ארץ־ישׂראל תּקכד, אהבת ציון פֿון ר׳ שׂמחה זאַלאָזיצער, ו, טו. אין יענעם יאָר האָט רוסלאַנד אַרײַנגעשיקט איר אַרמיי אין פּוילן אין שײַכות מיט דער באַרער קאָנפֿעדעראַציע.

[196] ר׳ דוד היילפּרין איז ניפֿטר געוואָרן תּקכה; הייסט עס זײַן נסיעה איז געווען תּקכד, נאָך ר׳ נחמנס אַרויספֿאָר, אָדער אין תּקכה.

[197] די צאָל ייִדן אין זאַסלאַוו האָט אין 1764 באַטראָפֿן 2,162 נפֿשות. זאַסלאַוו איז יעמאָלט געווען די גרעסטע קהילה אין וואָלין, זען ר. מאַהלער, „ייִדן אין אַמאָליקן פּוילן", ייִדן אין פּוילן, נ"י 1946.

[198] ר׳ דוד היילפּרין בן ר׳ ישׂראל חריף היילפּרין, רבֿ אין זאַסלאַוו און אָסטרע, האָט פֿאַרנומען זײַן פֿאָטערס אָרט אויף דער כּסא הרבנות אין אָסטרע אין תּצו. ער איז געווען אַ „חסיד מופֿלג", אַ באַליבטער תּלמיד בײַם בעש״ט, און דער בעש״ט פֿלעגט אײַנשטיין בײַ אים אין הויז יעדער מאָל ווען ער פֿלעגט קומען קיין זאַסלאַוו. אין תּקה האָט ער געגעבן אַ הסכּמה אויף ר׳ רפֿאל עמנואל חי ריקי, משנת חסידים, קאָריץ תּקמה. אין יענער צײַט איז געזעסן אין אָסטרע ר׳ אַבֿרהם משולם זלמן (אַ זון פֿונעם חכם צבֿי, אַ ברודער פֿון ר׳ יעקבֿ עמדין), אַן איידעם פֿון ר׳ יוזפּא, דעם גרעסטן גבֿיר אין וואָלין אין יענער צײַט. אין תּצו איז ר׳ אַבֿרהם געוואָרן רבֿ אין דער קלויז. זײַן שווער האָט אויסגעבראַכט אַ סך געלט אויף צו מאַכן אים פֿאַר אַ רבֿ אין שטאָט, אָבער די משפּחה היילפּרין און אויך די בעלי־בתּים וואָס האָבן פֿאַרהייליקט דעם בעש״ט און זײַנע מענטשן האָבן אויסגעקליבן פֿאַר אַ רבֿ ר׳ דוד היילפּרינען. משמעות דאָס פֿײַער פֿון מחלוקת האָט געברענט אַ סך יאָרן. ווען ר׳ דוד האָט זיך פֿאַרקלאָגט פֿאַרן בעש״ט האָט ער אים געהייסן אָפּלאָזן דאָס אָסטרער רבנות, און ר׳ דוד איז אין תּקו אַריבער קיין זאַסלאַוו. זײַן ברודער ר׳ יואל לעשנעווער איז געווען דער שווער פֿון ר׳ פּנחס הורוויץ, דעם בעל הפֿלאה, זען ביבער, דצ"ו זז׳ 97—101, 106; ענף עץ אבות ז׳ 6. ר׳ דוד איז ניפֿטר געוואָרן און געקומען צו קבֿורה אין אָסטרע אין תּקכה. אין זײַן צוואה (אָפּגעדרוקט אין דרכי ציון, מונקאַטש תּרסג) האָט ער איבערגעלאָזט 4,000 גילדן אויף צדקה, און 600 גילדן האָט ער אויך אָפּגעשריבן דעם פּולנאָער מוכיח, דעם מעזריטשער מגיד, דעם זלאָטשעווער מגיד און ר׳ פּנחס קאָריצער — איטלעכן צו 150 גילדן. ר׳ זאלף קוציס פֿון מעזשבוזש, דער באַרער מגיד, ר׳ זלמן פֿון מעזריטש און זײַן ברודער ר׳ לייב האָבן באַקומען צוגעטיילט יעדערער צו 100 גילדן. פֿאַר אָרעמע־לײַט אין ארץ־ישׂראל: ר׳ מענדל פּרעמישלאַנער אַוועקשיקן 200 גילדן, פֿאַר ר׳ נחמן האָראָדענקער און פֿאַר ר׳ פֿרידל צו 150 גילדן, פֿאַר ר׳ דודן דעם איידעם פֿון סטעפּינער רבֿ און פֿאַר ר׳ הירשן דעם בעש״טס זון („ר׳ צבי בן הרב בעל שם") צו 100 גילדן יעדערן... דעם אָסטרער מגיד... 30 גילדן. ווײַטער שטייט: „טוזליק שלי ליתן להרב המוכיח מפולנאה בתוך מעותיו... כובע שקניתי מחדש בעד... יותן להרב מו"ה פנחס מקארעץ בתוך מעותיו". ר׳ מענדל פּרעמישלאַנער און ר׳ נחמן האָראָדענקער זײַנען אַוועק קיין ארץ־ישׂראל אין תּקכד, אהבת ציון.

ר׳ פּנחסן אַ סך מאָל, ער זאָל קומען צו אים און דער שליח איז געווען ר׳ שלמה ז״ל. ר׳ דוד איז געווען אַ גדול בישׂראל, אַ גרויסער גבֿיר און אַ זקן, ער האָט נעפֿרעגט דעם בעש״ט פֿאַר זײַן פּטירה וועגן אַלע מפֿור־סמים פֿון דער צײַט, און דער בעש״ט האָט געענטפֿערט אויף יעדערן, וואָרעם צוליב דעם וואָס ר׳ דוד האָט געוווּסט די מעלה פֿון יעדער איינעם האָט ער זיך משתּדל געווען, אַז זיי זאָלן אַלע זײַן בײַ אים. און ער האָט געשיקט דאָס מאָל נאָך דעם און שפּעטער נאָך יענעם. אַז ער האָט געשיקט ר׳ שלמהן נאָכן רבֿ [ר׳ פּנחסן], האָט דער רבֿ זיך מישבֿ געווען מיט ר׳ שלמהן אַליין: „ווי זאָגסטו, איך זאָל פֿאָרן צו אים? ער איז אַ זקן און איך בין אַ יונגער־מאַן", און ר׳ פּנחס איז אַלט געווען אַן ערך פֿינף און דרײַסיק יאָר ווען דער בעש״ט איז ניפֿטר געוואָרן. האָט אים ר׳ שלמה געענטפֿערט: „פֿאָרט נישט". און אַזוי האָט ער געטאָן און איז נישט גע־פֿאָרן. דערפֿאַר איז אים טאַקע איצט געווען זייער שווער צו פֿאָרן אויף שבת, האָט ער געזאָגט: איך האָב מיר געמאַכט איין [=אַן] אויסרייד, אַז איך דאַרף האָבן אויף פּדיון שבֿויים הונדערט פֿופֿציק גילדן. און אַזוי האָב איך געטאָן, איך בין געפֿאָרן דורך זוועהל [זוויהיל], און דאָרטן האָבן זיך פֿאַרבונדן מיט מיר מענטשן.[199] בין איך געקומען קיין זאַסלאַוו, און דאָרטן האָב איך געפֿונען [ר׳ לייב] דעם מוכיח פֿון פּולנאָע[200] און דעם רבֿ פֿון פֿראַנקפֿורט־מײַן וואָס איז דעמאָלט געווען רבֿ פֿון לעחוויץ [לעכ־וויטש, וואָלין].[201] מען האָט זיי געבראַכט אויף אַ דין תּורה וועגן קראָמען וואָס דער שׂר האָט געבויט און מען האָט זיי צוגעזאָגט אַ רובל פֿון יעדער קראָם. האָב איך געהאַט יסורים פֿון דעם: דער מוכיח פֿלעגט דאַווענען פֿאַרן עמוד, און איך בין דאָך געקומען בעיקר נאָר צו דאַווענען פֿאַרן עמוד. דער מוכיח איז געווען אַ זקן וכו׳. אַז דער מוכיח האָט מיך דער־זען אין מרחץ האָט ער באַלד געזאָגט: דו וועסט דאַווענען מיט מיר, האָב איך געענטפֿערט: ווּ וועט איר דאַווענען? האָט ער געענטפֿערט: בײַ ר׳ דודן. האָב איך געזאָגט: גוט, וועל איך דאַווענען אין בית מדרש. און אַזוי איז געווען. ער [ר׳ פּנחס] האָט געדאַוונט אין בית מדרש פֿאַרן עמוד.

אַן ערך צוויי און צוואַנציק יאָר האָט קיין מענטש ניט געוווּסט, פֿאַר וואָס ער איז געפֿאָרן קיין זאַסלאַוו. אויף די עלטערע יאָרן פֿאַר דער פּטירה האָט ער דער־ציילט אָט יענע מעשׂה און געזאָגט: דאָס דאַווענען איז געווען זייער געהויבן, און באמת האָט עס פֿאַרטריבן די רוסן פֿון דער מדינה אַלע יאָרן. ר׳ רפֿאל האָט גע־זאָגט, אַז אַפֿילו איצט נאָך זײַן תּפֿילה לײַדן מיר אַזוי שטאַרק פֿון די רוסן; טאָ וואָס וואָלט שוין געווען ווען ניט יענע תּפֿילה?[202]

דעם לעצטן פּסח פֿאַר דער פּטירה האָט ר׳ פּנחס געזאָגט וועגן רוסלאַנד:

קיין מענטש האָט ניט אַרײַנגעטרייטן אין דער דאָזיקער טומאה, און ווען ער וואָלט אַרײַן אין דער דאָזיקער טומאה אַזוי ווי איך וואָלט ער אײַנ־געזונקען געוואָרן. הלוואַי איך זאָל לעבן נאָך צוויי יאָר.

ר׳ פּנחס איז ניפֿטר געוואָרן אין תּקן אָדער תּקנא (1790 אָדער 1791), און

---

[199] אין זוויהיל האָבן געוווינט ר׳ פּנחסעס מקורבֿים.

[200] ניפֿטר געוואָרן כא טבֿת תּקל (1770), האָראָדעצקי, החסידות והחסידים, א, קלח.

[201] ר׳ פּנחס איז געוואָרן רבֿ אין פֿראַנקפֿורט תּקלב (1772).

[202] כּ״י סינסינאַטי, צט־ק; כּ״י כתבי קודש, ח״ה, ד, א.

זײַן תּלמיד ר׳ רפֿאל האָט געזאָגט: ווען ער לעבט נאָך צוויי יאָר וואָלט ער אומגעבראַכט יענע אומה (די רוסן), און אויך דעם קייסער און דעם פֿראַנצויז.[203] 1793 איז פֿאָרגעקומען די צווייטע צעטיילונג פֿון פּוילן.[204]

## הוספֿות

### צו הערה 17:

דעם רמב״מס מורה נבוכים איז געווען אַזוי טײַער בײַ ר׳ פּנחסן, אַז ער האָט אים „טויזנט מאָל דורכגעלערנט״, כּ״י ספּורים יקרים. חסידים דערציילן, אַז ער פֿלעגט קיין מאָל נישט אַוועקבאַרגן דעם מורה נבוכים, „וואָרעם צו האַלטן דעם רמב״מס ספֿרים אין הויז איז אַ סגולה צו יִראַת שמים״.

### צו הערה 47:

אַ געגויערע ווערסיע פֿון דער מעשׂה פֿון בית פּנחס געפֿינט זיך אין כּ״י ספּורים יקרים: בעת דער בעל שם טובֿ איז געווען קראַנק האָט אים ר׳ דוד אָסטרער געפֿרעגט, צו וועמען ער זאָל פֿאָרן נאָך זײַן פּטירה (זען אויבן ז׳ 38). האָט אים דער בעש״ט געזאָגט: צום מעזריטשער מגיד און צו ר׳ פּנחס קאָריצער. האָט ר׳ דוד אָנגעהויבן פֿאָרן צום מגיד, וואָרעם ר׳ פּנחס האָט אין די ערשטע יאָרן נאָך דער פּטירה פֿונעם בעש״ט נישט געפֿירט. געווען איז אַ מינהג בײַ ר׳ דוד אָסטרער צו שיקן אַלע יאָר דעם בעש״ט אַ שיינעם אתרוג אַ מתּנה, פֿלעגט ער איצט שיקן אתרוגים צום מגיד און צו ר׳ פּנחסן. איז איין מאָל געשען און דער שליח מיטן אתרוג, אַ גוי, האָט געהאַט אַן עיכּובֿ און ערבֿ סוכּות איז ער נאָך אַלץ נישט אָנגעקומען קיין קאָריץ. יענעם יאָר איז צוליב שטאַרקע רעגנס און פֿאַרפֿלייצטע וועגן געווען אַ גרויסער דוחק אין אתרוגים אויף דער וועלט, אַזוי אַז קאָריץ איז געבליבן אָן אַן אתרוג! דעם ערשטן טאָג סוכּות אין דער פֿרי, בעת מען האָט געהאַלטן אין מיטן דאַווענען, איז אָנגעקומען ר׳ דודס שליח. האָט ר׳ פּנחס געבענטשט אתרוג און אויך קהל האָט מקיים געווען די מיצווה פֿון אַרבעה מינים. דעמאָלט איז ר׳ פּנחס צוגעגאַנגען צום עמוד, געזאָגט הלל און געמאַכט די נענועים. נאָכן דאַווענען זײַנען אַלע בעלי־בתּים געקומען צו אים גוט־יום־טובֿ־ביטן, האָט דעמאָלט זיך אָנגערופֿן ר׳ פּנחס, אַז ביז איצט האָט ער נישט געוואָלט אויף זיך נעמען צו זײַן אַ מנהיג, אָבער בעת די ימים־טובֿים האָט ער אײַנגעזען, אַז מן השמים איז מען מסכּים, ער זאָל אויף זיך נעמען דעם עול. פֿון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבן פֿירן.

### צו ז׳ 28, לעצטער פּאַראַגראַף:

מען דערציילט, אַז איין מאָל, בשעת מען האָט געדאַרפֿט אויסקלײַבן אַ מלך פֿון פּוילן, איז ר׳ פּנחס געפֿאָרן צום מעזריטשער מגיד כּדי זיך צו האַלטן מיט אים אַן עצה און אָפּצושמועסן, וועלכן שׂר מען זאָל זעצן על כּסא המלוכה. צו־נויפֿגעקומען זיך, האָט ר׳ פּנחס אָנגעהויבן אויסרעכענען אַלע קאַנדידאַטן, און

---

[203] כּ״י סינסינאַטי, עג, ב.

[204] אין יולי 1792 איז די רוסישע אַרמיי אָנגעפֿאַלן אויף אָסטרע און די אײַנוווינערס זײַנען געראַטעוועט געוואָרן „דורך אַ נס״, ביבער, דצ״ו, ז׳ 25.

אין דעם געפֿונען אַזאַ חסרון, אין יענעם אַן אַנדער חסרון. געקומען צום שׂר פּאָניאַטאָווסקי, האָט ר׳ פּנחס געהאַלטן, אַז ער איז יאָ ראָוי. פֿרעגט ער דעם מגיד צי ער באַשטייט; האָט יענער געענטפֿערט, אַז יאָ. האָבן אים טאַקע דער־נאָך אַלע שׂרים אויסגעקליבן בפּה אחד פֿאַר מלך פֿון פּוילן, כּ״י ספּורים יקרים. — ווי באַקאַנט איז אויגוסט דער דריטער געשטאָרבן אין 1763, און דעם 7טן סעפּטעמבער 1764 איז סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי געוואָרן אויסגעקליבן פֿאַר קיניג.

צו הערה 155:

לויטן כּ״י ספּורים יקרים האָט ר׳ נחום געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ „פּלוסוף אלקי ממעל״.

צו ז׳ 38, סוף פֿון ערשטן פּאַראַגראַף:

ר׳ אלימלך פֿון ליזענסק האָט געזאָגט, אַז צו קענען ר׳ פּנחסן איז אַ סגולה צו ייִראַת שמים. ווען ר׳ אלימלכס זון, ר׳ אליעזר, האָט דאָס געהערט איז ער געפֿאָרן צו אים. בשעת ער איז געזעסן בײַ ר׳ פּנחסעס טיש האָט זיך פֿון אים אַרויסגעכאַפּט אַ זיפֿץ: טאַטע! (ד״ה גאָט). רופֿט זיך אָן ר׳ פּנחס: דלמא לאו אביו הוא? (חולין יא, ב) אפֿשר איז ער גאָרנישט דײַן טאַטע? האָט אים ר׳ אליעזר גאָרנישט געענטפֿערט. געקומען אַהיים האָט ער דערציילט די מעשׂה ר׳ אלימלכן. — וואָס האָסטו אים געענטפֿערט? — איך האָב אים גאָרנישט גע־ענטפֿערט. — האָסט אים געדאַרפֿט ענטפֿערן: עס שטייט אין חומש „שאל אביך״ (דברים לב, 7), „מען לייהט זיך א טאטע״, ר׳ יחזקאל שינאַווער, דברי יחזקאל, מסעי.

די דאָזיקע אַרבעט און אויך אַ מאמר וועגן ר׳ גרשון קיטעווער, דעם בעש״טס שוואָגער, וואָס וועט בקרובֿ אַרויסקומען אין *Hebrew Union College Annual*, זײַנען בעיקר געבויט אויף כּתבֿי־יד וועלכע כ׳האָב זוכה געווען צו אַנטדעקן אין די לעצטע עטלעכע יאָר און וועלכע זײַנען פֿון געוואַלדיקער חשיבֿות פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון חסידות אין די ערשטע צוויי דורות. דאָ איז ליידער ניט דער פּלאַץ צו געבן אַ גענויע באַשרײַבונג פֿון די כּתבֿי־יד. דאָס וועט, ווי כ׳האָף, געשען אַן אַנדער מאָל. זאָל מיר דאָ דערלויבט זײַן אַרויסצוזאָגן אַ האַרציקן יישר־כּח דעם ביבליאָטעקאַר פֿון „היברו יוניאָן קאַלעדזש״ און ספּעציעל מײַן קרובֿ דעם מאָנסטרישטשער רבין נ״י פֿון ברוקלין, פֿאַר שטעלן אין מײַן רשות טייל כּ״י וואָס ווערן דערמאָנט אין דער אַרבעט. די דאָזיקע אַרבעט וועלכע איך האָב פֿאַרענדיקט יולי 1947 גייט אַרויס, מיט קליינע שינויים, אויך אויף העברעיִש אין אַ יובֿל־באַנד לכּבֿוד ה׳ זלמן שאָקן אין ירושלים.

REPRINTED FROM

# YIVO BLETER

*Journal of the Yiddish Scientific Institute*


יידישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט — ייִוואָ

535 וועסט 123סטע גאַס, ניו־יאָרק 27

YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE—YIVO

535 WEST 123rd STREET NEW YORK 27, N. Y.